Insurance so good, it's #forgettable

jnl INSURANCE
auto • home • business
845.782.3580
support@jnlinsurance.com

קרית יואל
# וואכנשריפט
KJ · WEEKLY

Vol. 12 • # 22 (551) Friday Feb 16, '24 • ב"ה • פרייטאג תרומה, ז' אדר א' תשפ"ד לפ"ק

INJURED?
Car Accident – Falldowns
Construction Accidents
Medical Malpractice
Product Liability – Personal Injury
Call Now:
718-400-9LAW(529)
שמואל נתנאל יאושעה
InjuryMaxx




# "דיוס קאמפיין" אויסצוצאלן דמי חבר התחייבות צו פארשטארקן און פארפעסטיגן קהל יטב לב קרית יואל טרעט אריין אין פולסטן קראפט

אייגנארטיגער נאָבעלער קאמפיין הייבט ארויס ווארימע שטענדיגע גרייטקייט פון אלפי חברי הקהלה למען העמדת הקהלה מיט וואָס קרית יואל איז וועלט-באַרימט

ווארימע מכתב עוז פון הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א ערשיינט צום היי-יעריגן קאמפיין פלאמט אויף יעדן יחיד להעמיד ק"ק קרית יואל ולהאדירה לויט זיינע מעגליכקייטן

22

כה יתן ה' וכה יוסיף!

## זעלטענע התרגשות ביים חלוקת עזר לנישואין דורך 'קופת מלביש ערומים' פאר 35 העלדישע חתנים 'גבורי חיל' וועלכע מקיימים ווען ציפערן הייבן זיך ב"ה מיט יעדן חודש וואס גייט אריבער

חלוקה פארגעקומען בבית כ"ק אדמו"ר מתולדות אברהם יצחק שליט"א פאר די חתנים פון חדשי אדר



36

רווח והצל"ה יעמוד ליהודים:

## 'מעמד הכרת הטוב' פאראייניגט די 'דרייסיג' העראאישע 'הצלה דיספעטשערס' ביי עלעגאנטע מסיבת ראש חודש דורך 'חברה הצלה קרית יואל'

אריסטאקראטישע אָוונט פארראפן דורך הר"ר בעריש שענברוין הי"ו מ'דזיקוב, זעלבסט א מיטגליד אין 'קרית יואל דיספעטש' קאמיטע און קאמיוניקאציע דירעקטאר, הייבט ארויס מסירת נפש פון געטרייע גענעראלן פון הצלת ישראל אין קרית יואל

24

כה תאמר לבית יעקב ותגיד לבני ישראל:

## טויזנטער קרית יואל'ער נשים צדקניות איינגעהילט אין געפילן פון דערהויבנקייט נאָכ'ן מיטלעבן אומבאשרייבליכע מאָמענטן ביי 'ולנצח נצחים' פארזאמלונג



הייליגער מעמד בלאזט אריין א פרישע גייסט פון פאָזיטיווע התחזקות פאר די טויזנטער נשים צדקניות וועלכע באגרייפן און פארשטייען קלאָר און דייטליך דאָס 'חשיבות' און די 'טייערקייט' פון אידישע מאמעס

יעדע מינוט פונעם מעמד פול געפאקט מיט אויסטערלישע געלונגענע דרשות און הארציגע אויפטריטן דורך באגאבטע רעדנערס וועלכע מוטיגן און הייבן ארויס די העלדישע בויערין פונעם דור העתיד אויפ'ן ערליכן וועג

26

קרית יואל
חסד
ווינטער קאמפיין
"היטער" און געוואנט
זייט 43
288-3880

גאסט עדיטאָריעל

די צייט טוט דאָס זייניגע
נישט אין קרית יואל

ליינט אין היינטיגן נומער:
גאסט עדיטאָריעל

RegionRx
845.775.4175
ס'איז נייע צייטן אין קרית יואל! ערווארט א גאר געשמאקע פארמאסי עקספיריענס!
פראגעס? אונזערע פארמאסיסט זענען אייביג דא פאר אייך!
BECAUSE WE CARE
MGN

# קרן אלמנות ויתומים דארה"ב וקאנאדא

בשר ודגים - מדי יום ביומו - ומדי שבת בשבתו - ומועד במועדו

25 Ross St. Brooklyn NY 11249 718-782-5349 Fax 646-993-6741

בעזהי"ת

**הרב אברהם לויפער שליט"א**
**אבד"ק דאראג**
**מייסד ומנהל**

**ברוקלין:**
וויליאמסבורג
בארא פארק
פלעטבוש - קענזיגטאן
קראונהייטס
סיגעיט - בעי רידזש
בענסענהורסט - מארין פארק
דזשארזש טאון - מיל בעיסען
**סטעטען איילענד - איסט סייד**

**קווינס:**
פלאשינג - קיו גארדענס
ריגא פארק

**פייוו טאונס:**
פאר ראקעוועי - לארענס
וואדמיר - סידערהורסט

**אפסטעיט:**
קרית יואל
מאנסי - סקווירא
סאוט פאלסבורג
נייטרא - קאשוי

**ניו דזשערזי:**
לעיקוואד - דזשעקסאן
דזשערזי סיטי - יוניאן סיטי
פאסעיק - קליפטאן
עליזאבעט - דיעל
בערגענפיעלד - וויינלאנד

**פענסילוועניא:**
פילאדעלפיא - פיטסבורג

**קאנעטיקוט - טשיקאגא**
**קליוולאנד - באלטימאר**
**לאס אנדזשעלעס - דיטרויט**
**פלארידא - קאנאדא:**
מאנטריאל - טאהש - טאראנטא

יכולין לשלוח טשעק על שם
**CONG. OHEL TORAH**
**25 Ross St.**
**Brooklyn NY 11249**
**(TX. I.D. 11-305-0300)**

*

יכולים לקרוא 24 שעה
718-782-5349 #1
וליתן נדבתו ע"י קרעדיט קארד

*

יכולים ליתן ישר מבאנק
אקאונט שלו ע"י .ACH
נא לקרוא
718-782-5349 #2

*

ע"י Chase Quickpay
kerenalmones@gmail.com
718-809-5495

*

יכולין לסדר תשלומין על
האקאונט שלו בחנות של בשר
או של דגים, וכן ע"י .O.J.C
או Fidelity Charitable
The Donors Fund וכדומה

*

**לסדר מעמדות קבועים**
**מדי שבוע בשבוע**
**או חודש בחדשו - לקרוא**
**718-782-5349 #2**
**או לשלוח אימעיל**
**kerenalmones@gmail.com**
**בקרית יואל יכולים למסור**
**המעות להרב ר' יואל (בר"ב)**
**לויפער שליט"א**

## 2,709 משפחות
## 5,713 ילדים בבית

## חשבון הקרן

נתייסד אייר תשע"ו עד חשון תשפ"ד

**$58,516,983.00**

## סניף קרית יואל

**131 משפחות** **258 ילדים בבית**

| תשפ"א | תשפ"ב | תשפ"ג | תשפ"ד עד ר"ח חשון |
|---|---|---|---|
| $1,015,733.00 | $1,336,889.00 | $1,733,335.00 | $312,712.00 |

## חשבון השנה

חשון - טבת תשפ"ג $2,645,313.00

שבט - ניסן תשפ"ג $8,129,403.00
(עם הקמחא דפסחא)

אייר - תמוז תשפ"ג $3,627,315.00

אב - תשרי תשפ"ד $4,866,993.00

**ס"ה $19,269,024.00**

# הארציגע דאנק בריוו פון אלמנות שתחי'

### הונדערט און ערשטער פארזעצונג

### מכתב 0590 (Y02.097)

לכבוד הרב לויפער שליט"א

זאל דער רבונו של עולם אייך שענקען געזונט, אמת'ע אידיש נחת, ברכות עד בלי די.

עס איז שווער צו גלויבן ווי טיף איר פארשטייט די געפילן פון א אידישע מאמע וואס דארף זיך אויסקומען אן אן עזר.

וויבאלד עס איז שוין אזוי מיין מצב עטליכע יאר, האב איך שוין נישט באמערקט ווי פאר יעדער מאל איך דארף מאכן אן ארדער, בפרט פאר יום טוב, טראכט איך נאכאמאל און נאכאמאל ווי פיל פארציעס אויסצורעכענען, אפשר ווייניגער דא אדער דארט... יעצט אז איך דארף נישט אזוי חשבונען יעדער מאל, איז מיר פיל לייכטער געווארן.

יהי רצון איר זאלט ווייטער קענען אנגיין אין אייער עבודת הקודש און אין אייער זכות זאלן מיר זוכה זיין בקרוב ממש צו די אמת'ע ישועה פון גאנץ כלל ישראל!

תודה מעומק לבינו

משפחת .....

### מכתב 0591 (Y03.007)

לכבוד הגה"צ הרב אברהם לויפער אבד"ק דאראג והרבנית שתחיו עמו"ש

אין דעם דערהויבענע צייט ווען עס קומט די הייליגע טעג מיט א נייעם יאר, וויל איך אויסדריקן מיין הכרת הטוב און מיינע הארציגע געפילן פאר די גרויסע חסדים ומעשים טובים וואס איר טוט אין איינעם אזוי אויך פאר אסאך אידישע שטובער וואס איז ממש אומבאשרייבליך.

השי"ת זאל אייך העלפן מיט די גאנצע משפחה אין די כח פון די אלע זכותים, איר זאלט תמיד האבן נחת און זיין געזונט און הצלחה ברוחניות ובגשמיות און א גוט געבענטשטע יאר, און די תפלות זאלן נתקבל ווערן לרחמים ולרצון און א כתיבה וחתימה טובה להכתב בספרן של צדיקים גמורים.

הרבנית .....

### מכתב 0592 (E03.074)

פאר יעדן וועמען ס'קען פאראינטערסירן,

קודם כל וויל איך זיך הערצליך באדאנקען פון די טיפענישן פון הארץ, פאר אלע הילף וואס איר גיט פאר מיר און מיינע קינדערלעך דורכאויס דאס גאנצע יאר און אויף פסח!!! איך קען ניטאמאל שילדערן מיט ווערטער וויאזוי אייער שטיצע האט געמאכט אזא ריזיגן חילוק אינעם לעבן פון מיין משפחה!

דאס אז יום טוב איז אזוי טייער, און נאך דערצו אז מען ארבעט נישט פאר צוויי וואכן, קען מיך אריין ווארפן אין חובות. איך בין דאנקבאר צום באשעפער פארן געבן מיר די זכי' צו זיין א חלק פון כלל ישראל - אמת'דיגע קינדער פון אברהם אבינו וואס געבן מיט אזא ברייט הארץ און מיט אזא אפענע אויסגעשטרעקטע האנט!

זאל הקב"ה אייך צוריק צאלן אין אלע ענינים פון אייער לעבן! און זאלט איר אלעמאל קענען זיין פון די געבער'ס!!!

בייגעלייגט איז א רעסיט פאר די 8 פונט האלל-וויהט מצה וואס איך האב געקויפט. מ'האט מיר געזאגט אז וויבאלד אייער ארגאניזאציע שטעלט נישט צו קיין האלל-וויהט מצה, זאל איך אריין שיקן א באווייז אז איך האב עס געקויפט, און אזוי וועל איך קענען צוריק באקומען דאס געלט דערפאר. איך שעם זיך זייער שטארק דאס צו טאן, אבער איך בין זייער געדריקט אין געלט, דעריבער האף איך אז ס'איז או.קעי'...

תזכו למצוות,

מיט אומבאשרייבליכע הכרת הטוב,

מרת .....

### מכתב 0593 (E11.029)

לכבוד ר' אברהם בן העניא לויפער, און אלע וואס זענען עוסק אין דעם "קרן אלמנות ויתומים", שיחיו.

א גרויסן דאנק פארן זיין אזוי וואונדערבאר, זארגפעליג, און גוטע שלוחים פון הקב"ה אין אלע הערליכע זאכן וואס איר טוט, אז אונזער לעבן זאל זיין מיט אזויפיל גרינגער, און אנגעפילט מיט דערלייכטערונג און נחת, זייענדיג נאענט מיט אונזערע משפחות וועלכע קענען קומען צו אונז פאר די סעודות.

וויאזוי קען א מענטש אויסדריקן די געפילן פון לויטער אנערקענונג פאר אייך?? יעדעס מאל וואס איך באשטעל אן ארדער פאר פיש אדער טשיקן קען איך כמעט נישט גלייבן אז דאס איז אן עכטע מציאות, ב"ה, ב"ה!!!

א גרויסן דאנק אז איך קען מיך פיהלן אזוי ווי א פרייליכע און ליבליכע מאמע, באבע, און עלטער באבע. א יישר כח פאר אייך אז איך קען טאקע זיין אן "עכטע" באבי! איינע וואס טיילט אויס געשמאקע סעודות, הנאה צו האבן פון ספעציעלע געלעגנהייטן אינאיינעם מיט די קינדער, מיט הערליכע געזונטע עסנווארג.

וואס קען איך זאגן אויסצודריקן מיין דאנקבארקייט? אוודאי, איך דאווען יעדן אינדערפרי פאר אלע טייערע מענטשן וואס זענען אויסגערעכנט אויף מיין ליסט, זיי זאלן באקומען אלע ברכות.

יישר כח! יישר כח! יישר כח!

זאל דער באשעפער בענטשן אייך און יעדן איינעם פון אייך מיט נחת! געזונט! און אלע ברכות פון א' ביז ת'.

מיט שעצונג, מרת .....

### מכתב 0594 (E10.074)

טייערער הרב לויפער,

עס איז נישט פארהאן קיין שום וועג מיר זאלן קענען גענוג אויסדרוקן אונזער הכרת הטוב און דאנק!!

זאל דער אייבערשטער אייך באגיסן מיט ברכות און אייך צוריק צאלן א מיליאן מאל אזויפיל. זאל ער מקבל זיין אלע אייערע תפילות און אייך געבן גרויסע כוחות און אויסערגעוועגליכע סייעתא דשמיא!

עס איז אן אומבאשרייבליכער געפיל צו וויסן אז מיר האבן פיש און פלייש אויף שבת, איר האט אראפגענומען א ריזיגען עול פון אנגסט!!

פון טיפענישן פון הארץ, א דאנק! א דאנק! א דאנק!

מיט ענדלאזע דאנק און הכרת הטוב,

משפחת .....

**מיר זוכן "גבאי צדקה" (פאנדרעיזער)**
**שיין באצאלט אויף די שעה (נישט פראצענט)**
**ביטע רופט:**
**718-782-5349 ex. 4**

| פרנס משפחה בשר ודגים | לשבוע | ניסן | תשרי | חנוכה פורים שבועות | ס"ה לשנה |
|---|---|---|---|---|---|
| משפחה ברוכי ילדים | $325 | $3,600 | $2,000 | 3x$500 | $24,000.00 |
| משפחה גדולה | $250 | $2,500 | $1,500 | 3x$360 | $18,000.00 |
| משפחה רגילה | $210 | $2,000 | $1,200 | 3x$300 | $15,000.00 |
| אלמנה עם 3 יתומים | $172 | $1,600 | $900 | 3x$250 | $12,800.00 |
| אלמנה עם 2 יתומים | $136 | $1,200 | $600 | 3x$200 | $9,600.00 |
| אלמנה ויתום | $100 | $1,000 | $450 | 3x$180 | $7,200.00 |

| פרנס אלמנה - יתום בשר ודגים | לשבוע | ניסן | תשרי | חנוכה פורים שבועות | ס"ה לשנה |
|---|---|---|---|---|---|
| אלמנה | $72 | $750 | $300 | 3x$150 | $5,200.00 |
| אלמנה רק לשבת ויו"ט | $40 | $750 | $300 | 3x$150 | $3,600.00 |
| יתום | $36 | $360 | $180 | 3x$72 | $2,600.00 |
| יתום רק לשבת ויו"ט | $20 | $360 | $180 | 3x$72 | $1,800.00 |
| ליום $1 / לשבת $3 | $9 | $240 | $120 | 3x$36 | $936.00 |

| פרנס לכל האלמנות |
|---|
| לשבת קודש ולכל השבוע $312,000.00 |
| פרנס השבת קודש $120,000.00 |
| פרנס היום $36,000.00 |


www.Artistic Group
קלארע עלטערן קען יעדע טאטע-מאמע זיין.
א שאָד די עגמת נפש, א שאָד די הארץ ווייטאג, און א שאָד די צער גידול בנים ר"ל
Early Bird
Deadline: Feb. 15 דאנערשטאג
תרומה
$199
דער מומחה מפורסם – ומנהל 'מפעל בהירות'
הרב שלמה אשר טויבער שליט"א
וועט אייך בס"ד געבן א קלארע בהירות צו חינוך און דיסציפלין, מיט וואס איר וועט בעז"ה מאכן אייערע קינדער פרייליך מיט זייער שטוב, און גליקליך מיט זייער אידישקייט.
>> געאייגנט פאר: עלטערן פון 2 יעריגע קינדער און העכער, גאר-וויכטיג: פאר עלטערן פון קינדער פון 10 יאר און העכער!
בהירות
Telecourse
4 לעבנסוויכטיגע שיעורים!
צו פארשטיין די תכונת הנפש און מהות פון יעדן סארט קינד // וויאזוי צו אכט געבן נישט צו צוברעכן אדער דעמעדשן א קינד ר"ל // וויאזוי צו כאפן א פלוצים'דיגע טויש ביי א קינד // וויאזוי זיך אומצוגיין מיט פראבלעמען וואס האט זיך געמאכט אינדרויסן פון שטוב און אינעם מוסד // העלפן א קינד ביישטיין די היינטיגע נסיונות // וויאזוי איבערצוגעבן פאר'ן קינד די סכנה פון טעכנעלאגיע // וויאזוי אפצוראטעווען פון ח"ו גיין OTD // ובעיקר: וויאזוי צו רעאגירן ווען מ'הייבט אן זען סימנים פון שוואך ווערן ר"ל
פון וועלכע הונדערטער שטובער זענען שוין אויפגעראכטן געווארן, ווערט נאכאמאל פארגעשטעלט!
אידישע קורס - מאנטאג:
תצוה (FEB 19), כי תשא (FEB 26), ויקהל (MAR. 4), פקודי (MAR. 11)
ENGLISH COURSE - TUESDAY:
FEB. 20, FEB 27, MAR 5, MAR 12
איין שעה: 8:00 - 9:00
Early bird:
$199
- Reg: $249 -
רעגיסטרירט זיך היינט!
845.666.3350

קאסטום געשניצטע האלץ, רייכע
גאלדענע דעטאלן, אריינגעבויטע
שטענדער, פילע ספרים שענק,
אויספלאנירט א יעדע דעטאל,
א וואַרימע אטמאספערע און
לויטערע ליפט.

מאַיעסטעטיש / פּראַכט / עלעגאַנט



joy2media.com

USEFUL

CUSTOM CLOSETS

CALL FOR YOUR FREE CUSTOM CLOSET ESTIMATE
אבא בארלעוו \ 845.210.6610 \ sales@usefulny.com

האנדעלט אייך
איין ביידע וועלטן!

BUILT-IN & BUILT-OUT DINING & SEFORIM ROOM · WARDROBE WALK-IN CLOSETS · MUD ROOM · PANTRY · OFFICE · PLAYROOM

# מכתב עוז מאת
# הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

**חיים צבי טייטלבוים**

רב ור"מ דק"ק יטב לב סאטמאר
בעיה"ק ירושלים תובב"א
ובעיר קרית יואל ניו יארק יצ"ו

ב"ה

## אל מעלת כבוד אהובי אחי ורעי אנ"ש החשובים והיקרים תושבי קרית יואל יצ"ו.

הן נודע למשגב גודל יקרת ערך של קהלתינו הקדושה פה ק"ק קרית יואל יצ"ו קהלה נאה וחסודה אשר בצל כנפיה יחסיון אלפי אנשי שלומינו היקרים, זקנים עם נערים, כולם אהובים כולם ברורים, חסידים ואנשי מעשה, יראים ושלמים ההולכים בדרכי אבותינו ורבותינו הקדושים וממשיכים בגאון ובעוז דרכו הסלולה של איתן אדונינו כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע מייסד הקהלה והעיר הצדק קרית מלך רב.

ותולי"ת כי לאחרונה **פנים חדשות באו לכאן ועלה ונתעלה כתר שם טוב של קהלתינו הק' שגדלו והצליחו בכמות ובאיכות באופן מאוד נעלה למעלה מן המשוער, ונתרחבו גבולי הקדושה בבניית בתי כנסיות ובתי מדרשות בכל רחבי העיר** לשם ולתהלה, ונתרבו ספסלי דבי מדרשא עם שיעורי תורה תמידין כסדרן בקרב בתי מדרשינו, ועל צבאם עומדים על הפקודים הני חשובי מרביצי תורה וכבוד **דייני ומוצ"י הקהלה שליט"א אשר הניפו והרימו כח התורה וההוראה** בקרב הקהלה להאיר נתיבותיהם ולהדריכם דרך ישרה בבניית בתים נאמנים לה' ולתורתו ולהעמיד דורות ישרים ברוח ישראל סבא.

ותבענה שפתינו תהלה לכבוד הני מטיבי לכת אנשי חיל זוכים ומזכים את הרבים מע"כ **חברי הנהלת הקהלה בד בבד עם העסקנים המסורים העוסקים ללא ליאות להגביר חיילים לתורה ולתעודה** עם פעלים רבים ואדירים לכלכל כל צרכי הקהלה ממסד עד טפחות ועוד ידם נטוי' בעזרתו ית"ש להוסיף ולהרבות כהנה וכהנה כראוי וכיאות לקהלתינו הק' ועיר עוז לנו.

אמנם דעת לנבון נקל **שכל אלו הפעולות הברוכות עולים להון תועפות, וכמשא כבד יכבדו עול ההוצאות על שכמם של חברי הנהלת הקהלה אשר יום ולילה לא ישבותו לבל יחסר המזג ולהוסיף חיל למען המשך פריחת ושגשוג הקהלה ברו"ג.**

**ובכן דבר שפתים אך למותר בגודל החיוב המוטל על כל אחד ואחד מבני הקהלה להיות נמנה בתור חבר הקהלה, כפי אשר יושת ע"י מרן רבינו הקדוש זי"ע שחיובא רמיא על כל חברי הקהלה להחזיק קופת הקהלה ב"דמי חבר" מדי שנה בשנה, שהוא עמוד התווך ויסוד קיום הקהלה שלא יבוש המעיין ולא יקצץ האילן לעד ולנצח.**

**ובכן אין מזורזין אלא למזורזין שכל אחד יאמר אני נקראתי לקיים מה שנאמר "חבר אני לכל אשר יראוך", ועל כל אחד מחברי הקהלה להיות חבר בהנהו חבורתא קדישתא ולשלם בעין יפה דמי חבר להחזקת הקהלה, ובעלי היכולת יוסיפו כיד ה' הטובה עליהם, ובכח הרבים ובכח האחדות נוכל בעז"ה להחזיק מעמד ולגדל צאצאינו ודורותינו על דרך ישראל סבא בלי שום שינוי מאבותינו ורבותינו הק' נבג"מ.**

ובטוח אני באלה שזכותו הגדול והקדוש של מרן רביה"ק זי"ע יעזור ויגן על כל חברי קהלתינו להתברך עם כל משאלות לבבם לטובה ולברכה, ויחולו על ראשם כל ברכות האמורות בתורה מתוך עושר ואושר וכט"ס, ונזכה כולנו לגדל צאצאינו ע"ד התורה והיראה מתוך נחת והרחבת הדעת דקדושה, ובמהרה נזכה לישועתן של ישראל ושמחתן בהתגלות כבוד שמים עלינו אמן.

**הבעה"ח יום ג' לס' נחית בחסדך עם זו י"ג שבט תשפ"ד לפ"ק**


ACUTE CARE NOW OPEN
ACUTE CARE BY CARESTIER NOW OPEN
EVERY SUNDAY
1pm to 9pm
ALL AGES WELCOME
NO PCP CHANGE
GRAND OPENING SPECIAL • GET A FREE RUBIKS CUBE •
DAY OR NIGHT, PAIN HAPPENS. CARE SHOULD TOO.
WALK INS WELCOME! NO APPOINTMENT NEEDED FOR ACUTE CARE
Carestier health
845.836.1111
Primary care + Urgent care + Multi specialty group
501 NY 208 Suite 201
Monroe NY 10950
845-836-1111
info@carestierhealthcare.com
ADDITIONAL DAYS & HOURS FOR ACUTE CARE WILL FOLLOW SOON
SERVICE YOU CAN COUNT ON. CARE YOU CAN TRUST.
MGM HelloMGM.com



דורכברוך אין קרית יואל!
Ponder Team 347.377.0367
עפארדאבעל קאר סערוויס
אונטער א שטרענגע היימישע
אויפזיכט
פרייזן ווי די גוי
סערוויס ווי ביים איד
01
carsafe
carsafe
845.512.5555
Constant text updates on the name and ID of the driver and the exact car
Professional dispatching With limited wait time
Camera in the car
Live tracking
NEW YORK
CAR SAFE
LIVERY
Livery Plates



בס"ד
Welcome!
Get ready for an amazing journey filled with unforgettable memories.
Meet our experienced team!
Mrs. Golde Shtesl
Camp Director
Mrs. Chani Unger
Program Director
Mrs. Rivky Vogel
Specialty Director
Mrs. Draizy Itzkowitz
Staff Director
Select
Counselor Positions
available for Heimishe Post High School Girls.
Please call:
845.587.6028
d.itzkowitz@hcsny.org
camp
Machon Lev
Make this summer unforgettable for your daughter with activities that focus on independence, vocational training and social skills development.
BEAUTIFULLY RENOVATED FACILITIES
DEVOTED STAFF
ACTION-PACKED PROGRAM
EXCITING OVERNIGHT TRIPS
2 SEPARATE AGE TRACKS: 16-18 (TC1) AND 18-22 (TC2)
Call to reserve your spot!
Brooklyn
718.854.2747 x 1613
Rockland
845.426.2199 x 1613



joy2media.com
BE AHEAD OF THE FLAME
PRE-PESACH CANDELABRA
Giant
SALE
YOUR FLAME AWAITS.
Come browse our amazing selection of discounted candelabras.
CROWN STERLING
Call: 845.783.0675 Visit: 7 Van Buren Dr. Monroe, NY
Royal Service \ Luxury Collection \ Accessible Pricing
SALE DATES:
MONDAY, FEB. 19 – TUESDAY FEB. 27



מגילת אסתר
ויאמר המלך
תלהו עליו...
מיט א מלכות׳דיגן האלטער
לייינט זיך די מגילה אנדערש.
מלכות
MALCHUS
FINE JUDAICA
WILLIAMSBURG: 165 Lee Ave. 718.408. 8822
BORO PARK: 3902 14th Ave. 718.854.7700
MONSEY: 17 Main St. 845.474.8822
MONROE: 7 Garfield Rd 845.250.8700
JERUSALEM: ישא ברכה 48 02-5400011
WWW.MALCHUTJUDAICA.COM
admarkny.com


בס"ד
@charidy Platinum 718.500.3990
מים רבים
לא יוכלו
לכבות את
האהבה.
ווען שטורמישע ווינטן באטרעפן א
**משפחה.** ברענגט קשר נפשי א בריק
פון ליבשאפט און ווארימקייט.
BUILDING BRIDGES, REUNITING FAMILIES.
BRIDGES
קשר נפשי
חיזוק, הדרכה, און הילף פאר עלטערן און משפחות
ווען א קינד גייט אריבער רוחניות'דיגע שוועריגקייטן
מאנטאג-דינסטאג פרשת תצוה
Charidy.com/bridges



ווען די שטוב

## איז כפים דארט אונטערצולייגן א פלייצע

### כפים זאגט פאר די חולי ישראל

כפים וועט זיכער מאכן אז אלעס קלאפט. סיי אין שטוב, סיי מיט די קינדער און סיי וואס עס פעלט נאר אויס צו פארגרינגערן די לאגע פון חולי ישראל און זייער משפחה.

### מיר זאגן פאר כפים

דעם מיטוואך און דאנערשטאג וועלן מיר דא זיין פאר כפים און זיי העלפן אנגיין מיט די הייליגע ארבעט

## א פלייצע אין שטוב

| | | |
|---|---|---|
| **5867** | **900** | **6317** |
| מאלצייטן פאר די משפחות | וואלונטירן וואס גייען טעגליך אויפריינגן און פירן די ווירטשאפט | קאר סערוויס און פעקלעך ארום געשיקט צו העלפן די משפחות |

## א פלייצע אין שפיטאל

| | | |
|---|---|---|
| **2865** | **2365** | **220** |
| פעקלעך געשיקט אין שפיטאל | משלוח מנות און מתנות זענען געשיקט געווארן צו דאקטוירים אלס הכרת הטוב. | וואלונטירן וואס גייען אראפ משמח זיין די לעכטיגע נשמות |

## א פלייצע כפים צענטער

| | | |
|---|---|---|
| **4** | **110** | **355** |
| צענטערן ווערן אויפגעהאלטן אין מאנסי, בארא פארק, ווילאמסבורג, לעיקוואוד | קינדער א וואך קומען שעפן חיזוק אין יעדע צענטער | קינדער זענען געפארן אויף אויספלוגן |



פליצע
פאר חולי ישראל און זייערע משפחות
WE'VE GOT YOUR BACK

מיטוואך - דאנערשטאג תצוה י"ב-י"ג אדר א'

DRYVEUP.COM/KAPAYIM // 929.357.2290

WEDNESDAY & THURSDAY, FEBRUARY 21-22

על כפים ישאונך
KAPAYIM

dryve

FUN BALLOONS!

# ...THE
# ...RATION

SUNDAY TO SUNDAY
Feb. 11 to 18

**Free Gifts**
with min. purchase!

Oppenheimer Cotton Candy 10 pk **NEW ITEM**
$3.49

Zazers Family Pack Crispy Bites **NEW ITEM**
$2.99

Shwartz Family Pack Chip Bits
$4.79

Dining Cutlery 400 ct Box
$1.99

Elegant Lunch Napkins 500ct
$2.49

Dining Storage Bags 100ct
$1.19

Clementines Bag
$3.99

Plum Tomatoes
$0.99

Vegetable Cheese Blintz
$1.99

WEDNESDAY
Fresh Pie Pizza
$15.99

THURSDAY
Landau's Dips 7 oz
$1.99

FRIDAY
Landaus Freshly Made Herring
$3.99
NEW ITEM

Huge Selection

Fast & Easy Checkout

*Hours:* **SUN.- WED.** 7:00am - 10:30pm **THURS.** 7:00am - 12:00am,
**FRI.** 7:00am - 2 hours before Zman, **MOTZEI** (winter) TILL 11:00pm



YUMMY TREATS
For the KIDS
FREE TASTING!
Landau's Gourmet HERRING
Thursday night & Friday Feb. 15 & 16
JOIN
CELEBR
GRAND OPENING SPECIALS:
Shwartz Snackers 13.7 oz
$2.99
Galil Tea All Flavors
$1.99
Shwartz Olives 21oz
$3.49
Eggs Extra Large Dozen
$3.19
Shwartz Corn Chips 1oz
3 FOR $1
Mehadrin Yo Smart Yogurt Pouches 6pk
$5.49
Mehadrin Family Pack Chocolate Leben
$10.99
Plastico Garbage Bags (Small Box) assorted
$4.49
A&B Gefilta Fish
$6.99
Abe's ice cream Assorted
$6.49
Iced Coffee 16oz
$0.99
DAILY SUPER DEALS:
SUNDAY, FEB. 11
FEW DAYS LEFT
Landaus supermarket
2 Stonegate Dr.
845.783.8553
Bright & Airy Layout
Wide Aisles


Café Hub
OPEN MOTZEI SHABBOS
FRESH HOT PIZZA
KICKSTART YOUR DAY AT OUR DELICIOUS NEW ON-SITE CAFÉ!
Scrumptious Sandwiches
Loaded Salad Bar
Hot Lunches
Cheesy Pizza
Fresh Pastries
Full Coffee Station
Freshly-squeezed Drinks
Landaus supermarket
2 Stonegate Dr.
845.783.8553
Fresh Finds All the time.™
DPMGGROUP.COM


Rockland's
PREMIER REHAB
THE HEART OF MONSEY
Maple Avenue
Main Street
See it for yourself or Take our guided tour.
Top notch therapists
State-of-the art rehab
Gourmet meals under the strict Skvere hechsher
Shabbos rooms available for families
היימישע management
NORTHERN METROPOLITAN
225 MAPLE AVENUE MONSEY NY 10952
845.352.9000 | www.northernmet.com

י. א. לעוו

# די צייט טוט דאָס זייניגע

## נישט אין קרית יואל

**התינוק לא הבין מעלת הטובה עליו,
מפני שהי' רגיל בה מימי נערותו**
(חובת הלבבות - פתיחה שער הבחינה)

ס'איז מיטוואָך פרשת ויקהל תשפ"ב. שפעט אויפדערנאַכט אין קיעוו, אוקראַינע.

די ביטערע פאָראויסגעזאָגטע מלחמה האָט אויסגעבראָכן אין ווייטן אוקראַינע, ווען די מאַכטפולע רוסישע אַרמיי האָט אינוואַדירט איר שכן, און אָנגעהויבן מאַרשירן אין ריכטונג פון אוקראַינע'ס הויפשטאָט קיעוו.

דאָס גאַנצע וועלט איז געווען איינגעהילט אין מלחמה-מצב, מ'האָט נאָר געהערט רעדן פון די מלחמה, און איבער די שווערע שלאַכטן. איבער אַלעם איז דער לופט אין די גאַנצע וועלט געווען איינגעהילט אין איין באחדות'דיגן שטימונג קעגן מדינת רוסלאַנד, וואָס האָט אַזוי מיאוס אַריינגעדרינגען ביי יענעם אין לאַנד, און האָט צוגעפירט צו טויזנטער געפאַלענע רח"ל.

ס'איז דאָך אין די טבע פון די בריאה, אַז מ'קען נישט דערליידן ווען איינער טוט אַן אומרעכט, נאָכדערצו אַזאַ גרויזאַמע אַטאַקע, וואָס האָט ממש פאַראורטיילט צום טויט גאַנצע געגנטער אינערהאַלב אוקראַינע.

פאַר אונז אידן איז דאָס געווען אַ פילפאַכיגער ווייטאָג, אַמער, ס'רעדט זיך פון אַ לאַנד וואָס פאַרמאָגט טויזנטער אידישע קינדער, טאַקע נישט פון אונזער קרייז אדער נאָענט צו דעם, אָבער נשמות מיט אַ חלק אלוקי ממעל. נאָכדערצו, ווען אין אוקראַינע האָט אין די לעצטערע יאָרן אָנגעהויבן בליען אידישקייט מיט אַ שנעלן אימפעט, האָט די דאָזיגע מלחמה ליידער געבערענגט אַז די אַלע אידן זאָלן פאַרוואָגלט ווערן.

די וואָס האבן מיטגעהאלטן די נייעס דאַן, געדענקען ווי אַלע גרויסמאַכטן איבער דער וועלט האָבן איינשטימונג קלאָר געמאַכט פאַר יעדן, מיט אַ קול דלא משתמעין בתרי אנפין, אַז דאָ וועט מען זיך נישט לאָזן, דעמאָקראַטיע וועט ווייזן דאָס זייניגע, מ'וועט גיין עד הסוף צו אויסראָטן די רוסן פון אוקראַינע.

שווערע ביליאָנען האָט די וועלט געשאָנקען פאַר אוקראַינע. מאַכטפולע וואָפן, און וואָס נישט. יעדער איז דאָך אַזוי שטאַרק אויפ'ן זייט פון אוקראַינע. אַלע ווילן דאָס.

"מ'וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן פון אוקראַינע, ביז זיי וועלן זיגן! מ'וועט גאָרנישט נאָכגעבן פאַר רוסלאַנד!" האָבן די וועלט פירער הילכיג אויסגעשריגן.

אָבער ווי זאָגט די וועלט: **די צייט טוט דאָס זייניגע.**

ס'איז אַריבער אַפּאָר חדשים, און די צייט טוט דאָס זייניגע.

מ'האָט שוין פאַרגעסן פון די אַלע סטעיטמענטס און הבטחות שלא בא לעולם.

הילף פאר אוקראַינע האָט אַריינגעטראָטן אין אַ וועפן-עפּאָכע. מ'שיקט שוין נישט אַזוי סאַך. מ'וויל שוין זען עפעס אַן אָפּמאַך.

איי, מיט בלויז אַפּאָר חדשים צוריק האָסטו געשריגן און געיאָמערט אַז מ'וועט נישט נאָכגעבן קיין כי הוא זה, מ'וועט שטיין צוהילף פאר אוקראַינע עד הסוף?

אָבער ווי זאָגט די וועלט, די צייט טוט דאָס זייניגע.

**צייט איז אַ מורא'דיגע שליסל אין יעדן הינזיכט. דאָ איז עס צו 'פאַרדייען' און זיך צוגעוואוינען צום אינוואַדירונג תקופה, אַז די שטיצע וועפט אויס. און דאָ איז עס צו פאַרגעסן פון וואו מ'קומט פון אַמאָל. אָבער אייביג און איבעראָל איז צייט די שליסל צו פאַרגעסן. מה שלא יעשה השכל יעשה הזמן...**

* * *

ר' חיים אַ פרישער אינגערמאַן נאָרוואָס אַרויס פון ישיבה גדולה, ער איז אַ חתן געוואָרן קיין קרית יואל בשעה טובה. זיין חתונה איז פאָרגעקומען טבת תשפ"ג.

ער הייבט אָן זיין פרישער לעבן מיט אַ שמייכל אויף זיין געזיכט, ער האָט טאַקע זיינע חברים פון ישיבה, אָבער פאָרט איז ער אין אַ נייער שטאָט. ער דאַרף זיך צוגעוואוינען צו נייע מושגים, רעלאַטיוו אַ נייע מהלך החיים אַנדערש פון זיין געוואוינהייט.

איידער ער טראַכט נאָך וואו צו גיין דאַווענען אַ טאָג נאָך שבע ברכות - נאָך וואָס זיינע באַגלייטער זענען שוין מער נישט צום געפינען - ערהאַלט ער פון זיין קהלה, אַ הערליכע פעקעדזש וואָס אַנטהאַלט אַלע אינפאָרמאַציע און הילף וואָס ס'איז נויטיג פאַר אַ פרישער אינגערמאַן וואָס שטעלט זיינע ערשטע טריט נאָך די חתונה.

ער באַקומט די גאַנצע **ליסטע פון בתי מדרשות דקהל יטב לב**, אַן אויסוואַל פון הערליכע מנינים צענטערן מיט הרחבת הדעת בכל פנות העיר, מיט נאָך אַ ריי **בתי מדרשות פאַר שבתים וימים טובים**. אַ ליסטע פון די הערליכע **מקוואות להטהר ולהתקדש בקדושה של מעלה.** און די נומערן און אינפאָרמאַציע פון אַלע **רוחניות'דיגע פיליאַלעס**, אָנגעהויבן פונעם **לשכת בית הוראה**, די **24 בית הוראה ליין**, די **צענדליגער חשוב'ע דיינים שליט"א** וואָס זענען גרייט פערזענליך פאַר יעדן אינגערמאַן, די מעכטיגע **אימפעריע פון עמוד התורה** וואָס שטייען צו זיין האַנט פונעם ערשטן טאָג זיכער צו מאַכן ער האָט חברותות און שיעורי תורה פאַסיג פאַר אים, די **פרנסה טובה אָפּטיילונג** צו טרעפן די פאַסיגע שטעלע ווען עס וועט קומען די צייט, און נאָך אַ ריי **רוחניות'דיגע און גשמיות'דיגע פעולות און סערוויסעס** וואָס ר' חיים ערהאַלט, אים צואוויסן טאָן וואָס אַלץ ער האָט דאָ צו באַקומען אונטער די שירעם פון **קהל יטב לב סאַטמאַר קרית יואל.** וואָס שטייען צו אים מהיום והלאה מיט יעדער טריט וואָס ער שטעלט, אים צו באַגלייטן און צוצושטעלן אַלע סערוויסעס וואָס אַ סאַטמאַרער קהלה שטעלט אַהער, מיט די גרעסטע מאָס הרחבת הדעת.

געוויס ווי אַלע יאָרן ביז היינט, איז עס פאַר ר' חיים נישט געווען קיין חידוש. ער איז געגאַנגען אין די סאַטמאַרער מוסדות, ער האָט געלערנט אין ישיבה, געדאַווענט אין די לאָקאַלע סאַטמאַרער בתי מדרשים. 'אַזוי קומט עס', טראַכט ער צו זיך. סאַטמאַר שטעלט צו אַלעס, סאַטמאַר פאַרמאָגט אַלעס, און אַלעס טאַקע אויפ'ן העכסטן און באַקוועמסטן פאַרנעם.

**"נו, אַז אין קרית יואל איז דאָ אַ סאַטמאַרער קהלה, איז אודאי אַז ס'איז דאָ די אַלע בתי מדרשות און סערוויסעס." אזוי מאַכט ער זיין חשבון.**

ס'איז געקומען חודש שבט תשפ"ג. די מעמבערשיפ קאַמפיין איז אַריין אין קראַפט, די הנהלת הקהלה איז געזיצן און געבעטן פון אנ"ש זיך צו אָנשליסן צו געבן דמי חבר, און באַזונדער אָנגעבאָטן פון די וואָס האָבן אַ העכערע השגה אַז זיי זאָלן זיין **שטאָלצע חברי זהב** למען העמדת קהלתינו על תילה.

ר' חיים שטייט און שטוינט, ער זעט ווי זיינע חברים וואָס וואוינען שוין דאָ יאָרן פאַרדעם, ער זעט ווי די וואָס זענען עלטער פון אים, ער זעט ווי די חשובי זקני פני העדה, אַלע שלענגלען זיך צו קענען באַצאָלן די דמי חבר. נישט נאָר דאָס, נאָר די **רעדע און שטימונג**

## ”מיר האָבן דאָס אַלעס מיטגעלעבט, אָדער בעסער געזאָגט, מיר האָבן בכלל נישט געהאַט קיין לעבן נישט ברוחניות און נישט בגשמיות. און אַצינד ווען מיר שטייען דאָ מיטלעבנדיג אַזאַ לעכטיגן הוה, באַגרייפן מיר שוין איינמאָל די אומבאַשרייבליכע כוחות אדירות וואָס די הנהלת הקהלה האָט אַריינגעלייגט אין ׳יעדן אַספעקט׳ פון די קהלה, אין בלויז ׳געציילטע יאָרן׳.“

**צווישן זיינע חברים איז אַ קאָנטעסט ווער ס׳איז געוואָרן אויסגעקליבן צו אַרויפגיין מיט אַ שטאַפל,** וואָס וועלן באַקומען דעם עהרן-טיטל **׳חבר זהב׳.**

ער שטייט און שטוינט, ער האָט נאָך אין זיין לעבן נישט בייגעוואוינט אַזאַ זאַך. ס׳שטייט פאַר אים אַ ריזיגע קהלה מיט טויזנטער חברי הקהלה, ס׳איז צוגעשטעלט אַלעס וואָס אַ סאַטמאַרער קהלה דאַרף פאַרמאָגן אין יעדן הינזיכט, אַלעס בליטשקעט און שיינט, **נו, וואָס איז דאָס יעצט געלט געבן פאַר די הנהלת הקהלה. ס׳קומט אַזוי, און אַז אַלעס פאָרט, וואָס איז די וואַרעמקייט?**

* * *

ס׳שטייט נעבן אים אַ איד ר׳ שמעון וואָס איז מיט איינציגע יאָר עלטער פון אים, ער טראַכט וויאַזוי ער קען אין קורצע ווערטער פאַרשטיין געבן וואָס אַזוינס ס׳שפילט זיך אָפּ, פאַרוואָס באַגרייפט יעדער מבני הקהלה די ׳אינטערעסאַנטע׳ באַדייט פון זיך ׳וועלן׳ אָנשליסן מרצונם הטוב סיי צו באַצאָלן די דמי חבר, און באַזונדער צו וועלן אַרויפגיין מיט אַ העכערע שטאַפל.

ר׳ שמעון מישט אויף אַ **חובת הלבבות**, און הייבט אָן צו לערנען אַ גאָר באַדייטפולער משל וואָס האָט אַ געוואַלדיגער מוסר השכל.

אין די **פתיחה** צו **שער הבחינה** (וואָס לומדי זכרו מוסר האָבן דורכגעלערנט אין חודש חשון העעל״ט) ברענגט אַראָפּ דער מחבר די משל. אַ מענטש האָט געטראָפן אַ פיצל קינד ליגן פאַרוואָגלט טיף אין אַ מדבר, אָפּגעזונדערט מישוב העולם, קיינער האָט זיך נישט אומגעקומט אויף אים. מיט זיין מידת רחמנות האָט דער מענטש אַהיימגענומען דאָס קינד מיט זיך, אים אַרומגעוואַשן, געגעבן צו עסן, און פון היינט און ווייטער איז ער געוואָרן ווי זיין אייגן קינד. ער האָט אים אויפגעצויגן מיט אַלע זיינע באַדערפענישן, געגעבן קליידונג, און צו עסן, געטראָגן אין חדר, געלייגט שלאָפן, ביז דאָס קינד איז אויפגעוואַקסן און שוין געהאַט די שכל צו אַנערקענען די געוואַלדיגע חסדים וואָס דער מענטש האָט געטון מיט אים.

מיט עטליכע חדשים שפעטער האָט דער גוטהאַרציגער מענטש געהערט פון אַ שוידערליכן פאַל ווי איינער איז געוואָרן פאַרכאַפּט צווישן זיינע פיינט, וואָס האָבן אים שטאַרק געפייניגט. דער זעלבער בעל חסד וואָס האָט פריער געראַטעוועט יענע קינד, האָט דאָ ווידער רחמנות געהאַט אויף דעם פאַרכאַפּטן, ער האָט גערעדט צו זיינע פאַרכאַפּער צו פאַרהאַנדלן איבער די געלטער וואָס יענער איז שולדיג, ביז ער האָט באַוויזן צו באַפרייען דעם פאַרכאַפּטן. דער גוטהאַרציגער בעל חסד האָט אַריינגענומען דעם באַפרייטן צו זיך אין שטוב און געגעבן פון אַלעס גוטס.

וויבאַלד דער פאַרכאַפּטער איז שוין געווען בא בשנים, האָט דער בעל חסד געדאַרפט געבן נאָר אַ קליין חלק גוטס וויפיל ער האָט געהאַט געגעבן פאר דעם קינד. אָבער ווען ס׳איז געקומען די צייט צו באַדאַנקען דעם בעל חסד, **האָט דער געוועזענער פאַרכאַפּטער פי כמה מער מכיר טובה געווען פאר׳ן בעל חסד די טובות וואָס ער האט אַלץ געטון מיט אים, ווי דאָס קינד האָט מכיר טובה געווען.**

איז דער חובת הלבבות מסביר:

דער פאַרכאַפּטער וואָס איז געקומען פון גאָר אַ שווערן מצב און איז געוואָרן באַפרייט דורך דעם בעל חסד, איז זיין גאַנצע געשיכטע פאָרגעקומען בעת וואָס זיין שכל איז שוין געווען אויפגעבויט, ער איז נישט געווען אַ קליין קינד. דעריבער האָט ער איינגעזען פון וואָספאַרא ביטערן מצב ער קומט, און די אומגלויבליכע טובות וואָס דער בעל חסד האָט געטון פאַר אים.

מה שאין כן דאָס קינד, **ער האָט נאָכנישט געהאַט קיין שכל ווען ער איז אָפּגעלעגן פאַרוואָרפן אין אַ וויסטן מדבר.** איז דעריבער אפי׳ נאָכדעם ווען ער איז אויפגעוואַקסן און האָט שוין באַקומען די שכל, אָבער דאַן איז ער שוין געווען ׳געוואוינט׳ צו באַקומען די אַלע גוטס פון דעם בעל חסד, **ער האָט ניטאַמאָל געקענט באַגרייפן פון וואָספאַראַ ביטערן שיקזאַל דער האָט אים אָפּגעראַטעוועט.**

פירט אויס דער חובת הלבבות:

הגם, די חסד וואָס דער גוטהאַרציגער מאַן האָט געטון פאַר׳ן קינד איז פילפאַכיג מער באַדייטפול ווי די חסד וואָס ער האָט געטון פאַר׳ן ערוואַקסענעם פאַרכאַפּטן. דעריבער וואָלט דאָס קינד ווען געדאַרפט פי כמה מער באַזינגען און לויבן דעם בעל חסד.

אָבער וויבאַלד דאָס קינד איז געווען **׳געוואוינט׳** צו באַקומען די אַלע טובות. זינט ער איז געוואָרן אַ בר דעת האָט אין שוין די אַלע טובות באַגלייט, דעריבער **באַגרייפט ער ניטאַמאָל ווי ווייט ער דאַרף ווען צו דאַנקען און לויבן דער וואָס האָט אים אָפּגעראַטעוועט ממות לחיים.**

**׳התינוק לא הבין מעלת הטובה עליו, מפני שהי׳ רגיל בה מימי נערותו׳.**

ר׳ שמעון פאַרענדיגט דעם שטיקל חובת הלבבות, און פירט אויס צו ר׳ חיים:

**דו ביסט טאַקע נישט דאָ געווען מיט עטליכע יאָר צוריק.** דו ווייסט ניטאַמאָל פון וואַנעט מיר קומען. **דו האסט טאַקע נישט אַרויס פאַרוואָס דער ציבור דאָ איז דאָ מיט אַזאַ האַרץ און גרייטקייט צו טון אַלעס פאר זייער אייגענע קהלה.**

אָבער וויסן זאָלט איר: טאַקע וויבאַלד דו האָסט נישט מיטגעהאַלטן את כל התלאות אשר מצאתנו ביז דו ביסט אָנגעקומען אַהער, דעריבער האָסטו טאַקע נישט אַרויס די אומגלויבליכע לעכטיגן הוה וואָס מיר לעבן מיט טאָג-טעגליך.

איז לאָמיר דיר זאָגן ר׳ חיים:

איך מיט מיינע חברים, און רוב רובם אנשי שלומינו, מיר קומען פון דאָרט.

**”מיר האָבן דאָס אַלעס מיטגעלעבט, אָדער בעסער געזאָגט, מיר האָבן בכלל נישט געהאַט קיין לעבן נישט ברוחניות און נישט בגשמיות. און אַצינד ווען מיר שטייען דאָ מיטלעבנדיג אַזאַ לעכטיגן הוה, באַגרייפן מיר שוין איינמאָל די אומבאַשרייבליכע כוחות אדירות וואָס די הנהלת הקהלה האָט אַריינגעלייגט אין ׳יעדן אַספעקט׳ פון די קהלה, אין בלויז ׳געציילטע יאָרן׳.“**

* * *

# די וואונדער-אויפבליה פון סאַטמאַר קרית יואל האָט מען געטון אין 'בלויז' געציילטע יאָרן, ווען מיט זעקס יאָר צוריק איז נאָך גאָרנישט געווען.

טייערע תושבי קרית יואל:

מיר זענען נישט ווי דער תינוק וואָס האָט נאָכנישט געהאַט זיין שכל צו אַריינטראַכטן וואָס דער בעל חסד האָט געטון מיט אים. **מיר האָבן דאָס אַלע מיטגעלעבט** ווען מיר זענען שוין געווען אויפגעבויטע בעלי דעת, און טאַקע דערפאַר האָבן מיר אַלע יאָרן אַזוי אַרויסגעקוקט און געלעכצט 'ווען ווען ווען מיר שוין האַלטן דאָ'.

טייערע ברידער. **מיר האַלטן שוין דאָ!**

אָבער טייל קענען זיך אָנהייבן צוגעוואוינען צו טראַכטן אַזוי קומט עס. **די צייט טוט דאָס זייניגע.**

לאָמיר נישט אַריינפאַלן אין דעם לאָך וואָס הייסט 'די צייט טוט דאָס זייניגע'. לאָמיר יאָ צוריקטראַכטן. אין איין מינוט לאָמיר אַרויסהאָבן וואָס דאָ שפילט זיך אָפּ פאַר אונזערע אויגן.

מ'רעדט נישט פון 20 יאָר צוריק, אויך נישט פון 10, אויך נישט פון 7 יאָר צוריק.

**מ'רעדט פון קוים 6 יאָר צוריק.**

**זעקס יאָר צוריק איז עס געווען.** זעקס יאָר צוריק האָבן מיר נאָך געהאַלטן 'דאָרט'.

'דאָרט' האָט געמיינט, אַ בית המדרש הגדול מיט קיינע **סניפים**. 'דאָרט' האָט געמיינט, איין איינציגע **מקוה** וואָס קהלתינו הק' האָט פאַרמאָגט פאר כל אנ"ש. 'דאָרט' האָט געמיינט, איין איינציגע **מנינים צענטער** לימות החול. 'דאָרט' האָט געמיינט, נישט קיין בנין הקהלה פאַר'ן **כח הטהרה**. 'דאָרט' האָט געמיינט, נישט קיין **עמוד התורה**. 'דאָרט' האָט געמיינט, קיינע פאַקטישע פלענער צו **אויפבויען בתי מדרשות אין אַלע ווינקלען**. 'דאָרט' האָט געמיינט, נישט קיין **לשכת בית הוראה**. 'דאָרט' האָט געמיינט, נישט קיין כח אויפצובויען די **כח הוראה ודיינים** פאַר יעדן איינציגן אינגערמאן. 'דאָרט' האָט געמיינט, נישט קיין שום גרעסערע פעולות אויפצוטון פאַר'ן **לעבנס-וויכטיגע חיי יום** פאר יעדן יחיד אנ"ש. 'דאָרט' האָט געמיינט, נישט קיין כח פון **כשרות**. 'דאָרט' האָט געמיינט נישט קיין אייגענע **כלה מדריכות** און רייכע סעריע שיעורים פאר כלות און אינגע ווייבלעך דורך **בנין עדי עד**. און געוויס האָט 'דאָרט' געמיינט, נישט קיין כח פון אַ **איש על העדה** וואָס זאָל אַזוי אויפהייבן די גאַנצע רוחניות'דיגע שטאַנד פון כל קהלא קדישא, די הייליגע לעכטיגע שבתות וימים טובים, און כח המאחד פון כל אנ"ש.

ס'האָט קיינעם נישט געטראַכט אַז מיט איינציגע געציילטע יאָרן שפעטער וועט מען צוריק קוקן און טראַכטן **וויאַזוי האָט מען דעמאָלטס געלעבט דאָ אין קרית יואל?...**

**אָבער דער מציאות שרייט און פלאַטערט מיט אַ קוועלנדע הנאה עצומה.**

**דאס אַלעס וואָס איז 'נישט געווען דאָרט'. אָט דאָס אַלעס איז שוין היינט אַ 'געוואוינהייט'.**

## די וואונדער-אויפבליה פון סאַטמאַר קרית יואל האָט מען געטון אין 'בלויז' געציילטע יארן, ווען מיט זעקס יאר צוריק איז נאך גארנישט געווען.

אַז מ'טראַכט נישט, באַגרייפט מען נישט פון וואו מיר קומען. אַז מ'טראַכט נישט, פאַרשטייט מען טאַקע נישט וואָס פעלט דאָ אַזוי אויס די כח הציבור פאר קהל'ס קאַסע.

אָבער אין ק"ק קרית יואל איז דאָ חידושים אַלעמאָל. **די קהלה שטאַרט אַרויס צו זיין וואונדערליך אַנדערש פון דער געוואוינהייט.**

**איז דאָ ביי דעם, זענען מיר אויך אַנדערש. מיר פאַלן נישט אַריין אין די נושא פון 'די צייט טוט דאָס זייניגע'.**

מיר לעבן מיט שטענדיג פון וואו מיר קומען.

**מיר האַלטן מיט שטענדיג די איבערמענטשליכע כוחות אדירות וואָס די שעפערישע הנהלת הקהלה לייגן אַריין מדי יום ביומו, סיי אויף די טעגליכע ווירטשאַפט זיכער צו מאַכן אַז 'אַלע' פעולות לויפן און גייען אָן כסדרן, און אַלעס ווערט געדעקט.**

און סיי **אויפ'ן עתיד** מיט פאַקטישע פעולות צו נאָכמער אויפהייבן קהלתינו הקדושה, אין טאַקע יעדן אַספעקט שייך: זאָל דאָס זיין דער יעצטיגער פרישע אויסברייטערונג פון **ביהמ"ד הגדול-בנין אליהו**, אויפבויען נאָך **בתי מדרשים אין אלע געגנטער** וואו אנ"ש געפינען זיך, מוסיף זיין די **כח הטהרה, כח ההוראה, עמוד התורה,** און והעולה על כולנה די דעטאַלירטע באַמיאונגען צו אויפבויען די פראַכט פון **ממלכת סאַטמאַר**, דער בית הגדול והקדוש וואָס מיר אַלע קוקן אַזוי אַרויס מיטהאַלטן דאָס אָנהייבן די בוי-אַרבעט בקרב הימים. וואָס מיט געציילטע יאָר צוריק איז אַזוינס קיינמאָל ניטאַמאָל געקומען אין באַטראַכט!

## מיר זענען נישט ווי דער תינוק וואָס באַגרייפט נישט די געוואַלדיגע חסדים. נאָך ווי וואָס מיר זעען וואָס דאָ טוט זיך! מיר באַגרייפן שוין איינמאָל וואָס דאָ שפילט זיך אָפּ לעבעדיג!

און מיר ווייסן אויך אַז די הנהלת הקהלה האָט - ביזדערווייל - נישט קיין קוואַל וואָס גיסט זיי אַריין די פאָנדן צו קענען פינאַנצירן אָט די אַלע פעולות. מיר ווייסן **אַז אויפצובויען אַזאַ מעכטיגן שטאַנדהאַפטיגן הוה און עתיד איז נישט געקומען צופיסנס.**

**דאָס איז געקומען נאָר ווייל 'מיר אַלע' האָבן דאָס פאַרלאַנגט און בייגעשטייערט דערפאַר!**

מיר האָבן דאָס געמוזט האָבן, ווייל מיר האָבן געוואָלט האָבן אַ קהלה. אַ קהלה באַדייט טאַקע אָט די אַלע זאַכן וואָס מיר האָבן אַמאָל 'נישט' געהאַט, און היינט בליעט עס אַזוי לעכטיג און פרעכטיג.

און טאַקע דערפאַר **האָבן מיר זיך אַלעמאָל מאָביליזירט מיט אונזערע שטערקסטע כוחות צו פינאַנצירן אָט דאָס אַלעס וואָס מיר לעבן אַצינד מיט.**

און טאַקע אָט **דערפאַר ווייסן מיר:**

**אַז כדי צו קענען 'בהוה' אָנגיין מיט די אַלע פעולות וואָס מ'האָט מייסד געווען אין בלויז געציילטע יאָרן, קען דאָס נישט געשען אויב מיר דער ציבור זענען נישט דאָ.**

## "אָט דערפאַר איז יעדער יחיד אין קרית יואל פייער פאַר די הנהלת הקהלה" האָט ר' שמעון אויסגעפירט פאַר ר' חיים.

**אייביג און איבעראָל איז 'צייט' די שליסל צו פאַרגעסן. אָבער נישט אין קרית יואל!**

**דאָ טוט נישט די צייט דאָס זייניגע. דאָ ווייסן מיר אַז פונקט ווי 'בעבר' האָט מען גאָרנישט געקענט טון אָן 'מיין' גרייטקייט, איז פונקט אַזוי 'בהוה' און נאָכמער 'בעתיד' קען מען נישט אָנגיין אָן 'מיין' גרייטקייט.**

**אָט דערפאַר גיי איך יעצט צו מיין לאָקאַלן משמש בית המדרש, און איך זאָג אים איך וויל אַרויפגיין אַ שטאַפּל.**

**איך וויל מיין קהלה זאָל קענען אָנגיין. איך ווייס אז די אַלע פעולות אויב האָט עס נישט דעקונג קען מען זיך נישט אַ ריר געבן. אָט דערפאַר דאָ האָסטו מיין קאַרטל, שטעל עס אָן ס'זאָל לויפן מיט $60 לחודש. איך קען נישט לעת עתה אַרויפגיין צו חבר הזהב, אָבער כאָטש אַ חבר הכסף מוז איך זיין.**

* * *

## להגיד שבחו של קרית יואל שלא שינה!

קרית יואל געוואוינט זיך נישט צו! קרית יואל האַלט אָן איר פייערדיגע וואַרימקייט!


WELCOME WINTER PROMOTION
SATISFY YOUR PALATE WHILE SHOPPING.
GET A 16 OZ SALAD FOR
FREE
WALK-INS ONLY
*WITH PURCHASE OF $125
**VALID 2/15-2/22
*** 9:00AM - 5:00PM
Peppermint supermarket
mintleaf Kosher Market
33 Dinev Road | 845-492-8777 | 5 Mangin Rd (Corner Rt. 208)

# "דיוס קאַמפּיין" איסצוצאָלן דמי חבר התחייבות צו פאַרשטאַרקן און פאַרפעסטיגן קהל יטב לב קרית יואל טרעט אַריין אין פולסטן קראַפט

## איינגאַרטיגער נאָבעלער קאַמפּיין הייבט אַרויס וואַרימע שטענדיגע גרייטקייט פון אלפי חברי הקהלה למען העמדת הקהלה מיט וואָס קרית יואל איז וועלט-באַרימט

קרית יואל. - אין די יעצטיגע טעג איז אַריין אין קראַפט די יערליכע "דיוס קאַמפּיין" פאר אלפי חברי קהל יטב לב סאַטמאַר קרית יואל, צו איינקאַסירן די התחייבות דמי חבר וואָס איז מדינא דשלחן ערוך אַ חיוב פאר יעדן יחיד צו נעמען אַ טייל אין די קהל'ישע פעולות פאר די רוחניות און קיום הדת, און וואָס רביה"ק זי"ע מייסד הקהלה האָט פון שטענדיג אָן געשטעלט דאָס מיט אַ שטאַרקער דגוש, אַז יעדע יחיד ויחיד זאל געבן זיין חיוב דמי חבר, ווי ער שרייבט אין זיין מכתב קודש: **שכל אחד ואחד יקבל עליו האחריות להיות חבר נאמן לישא עול בממון ובגוף ובלב ונפש לעשות יסוד חזק לחיזוק הקהלה.**

אַצינד ווען מ'שטייט אין אַ שווערן יאָר, ווען די הנהלת הקהלה מוטשעט זיך גאָר שטאַרק צו קענען אָנגיין אויף די חיי יום, פשוט צו קענען דעקן די טעגליכע בודזשעטן, צו באַצאָלן די אויסגאַבן פון אַלע פעולות נשגבות אין יעדן הינזיכט וואָס קהל יטב לב קרית יואל טראָגט מיט זיך, איז דער ציבור פלאַמעדיג אָנגעוואַרעמט, נאָכמער ווי אַלע יאָרן ביז היינט, באַגרייפנדיג אַז אַצינד איז דער זמן ווען אין יעדן יחיד'ס אָנשליסונג איז תלוי דער קיום הקהלה, וועט דער ציבור אַנטקעגנקומען די געטרייע הנהלת הקהלה און יעדער לויט זיינע מעגליכקייטן וועט געבן די דמי חבר.

דער אַרויסקוק איז אַז די וואָס קענען זיך ערלויבן וועלן זוכה זיין צו ווערן געקרוינט מיט די עהרן-טיטל 'חבר זהב' אָדער כאָטש אַלס 'חבר כסף', און די וואָס קענען נישט לעת עתה דאָס עררייכן, וועלן געבן די יערליכע מינימאַלע התחייבות, וואָס מ'איז אַזוי שטאַרק אָנגעוויזן דערויף פשוט אויף חיי יום, ווייל יעדן יחיד'ס באַצאָלונג איז אַ דירעקטע מיטל פאַר'ן פשוט'ן קיום פון די קהלה.

ס'איז קלאָר און יעדער פאַרשטייט אַז די קהלה איז געבויעט אויף טויזנטער יחידים, און מ'דארף האבן יעדן איינציגסטן חבר הקהלה אז דאס בילד זאָל זיין בשלימות, אַז מ'זאָל קענען אָנגיין סיי מיט די הוה צו דעקן די שווערן בודזשעט, און סיי צו קענען ווייטער און נאָכמער אויפטון בעתיד אויף אַ ריי פעולות וואָס וואַרטן פשוט אויף דעקונג.

ס'איז קלאָר פאר יעדן אַז אַלעס וואָס מ'רעדט במשך דעם גאַנצן יאָר, אַלעס וואָס מ'טוט פאַר'ן ציבור יעדן טאָג, יעדע מינוט, אַלעס איז אָנגעוואָנדן בס"ד אין די הצלחה פון דעם יעצטיגן קאַמפּיין.

די הנהלת הקהלה זאָגט קלאָר: מיר דאַרפן "אייך" האָבן, מיט אייער גאַנצע האַרץ, אינעם יעצטיגן מצב, אז דאָס זאָל קענען מצליח זיין, ווייל אין דעם איז תלוי דער ווייטערדיגער קיום פון קהל יטב לב סאטמאר קרית יואל, ווייל אַז מיר האָבן בעז"ה יעדן יחיד, וועט מען קענען פאָראויסגיין בס"ד. אָבער יעדן יחיד מיינט יעדן יחיד ויחיד.

אין די קומענדיגע טעג וועט ווערן אַרויסגעלייגט די ריי בענעפיטן וואָס יעדער חבר הקהלה בענעפעטירט ווען ער צאָלט אויס די דמי חבר, וואָס מיט אַ קלאָרן חשבון באַדייט דאָס אַז ער מאַכט צוריק אין משך פונעם יאָר פי כמה וויפיל ער צאָלט פאַר'ן דמי חבר. באַזונדער וועט ווערן פראָקלאַמירט די גרויסע בענעפיטן און סערוויסעס וואָס די חברי זהב און חברי כסף וועלן בענעפעטירן היי-יאָר מער ווי ביז היינט. אַזוי אויך ווערט פראָקלאַמירט אַ ריי גורלות פאר די וואָס צאָלן אויס אין צייט די דמי חבר.

ס'איז קיין ספק נישט, אַז דער אייביגער זכות פון אבינו רועינו רבינו הקדוש זי"ע, וואָס האָט בשארית כוחותיו ובמסירת נפשו מייסד געווען די שטאָט און די קהלה הקדושה אלס יסוד היסודות לבני קהלתו החונים על שבטו, וואָס כוחו של אותו זקן איז וואָס באַגלייט די הייליגע קהלה און די הייליגע שטאָט אויף יעדן ריר און יעדן שריט, וועט אי"ה ווייטער באַגלייטן און מגין זיין, וחפץ ה' בידינו ישכיל יצליח, צו קענען פאַרשטאַרקן אַצינד דעם כח פון די הייליגע קהלה, תחת דגלו והדרכתו של כ"ק מרן רבינו שליט"א ובנו איש על העדה כבוד הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א, וקרית יואל הולך וגדל עד כי גדול מאוד, ובשם ה' נעשה ונצליח.

## מכתב עוז פון הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א ערשיינט צום היי-יעריגן קאַמפּיין




חיים צבי טייטלבוים
רב ור"מ דק"ק יטב לב סאטמאר
בעיה"ק ירושלים תובב"א
ובעיר קרית יואל ניו יארק יצ"ו

ב"ה

**אל מעלת כבוד אהובי אחי ורעי אנ"ש החשובים והיקרים תושבי קרית יואל יצ"ו.**

הן נודע למשגב גודל יקרת ערך של קהלתינו הקדושה פה ק"ק קרית יואל יצ"ו קהלה נאה וחסודה אשר בצל כנפיה יחסיון אלפי אנשי שלומינו היקרים, זקנים עם נערים, כולם אהובים כולם ברורים, חסידים ואנשי מעשה, יראים ושלמים ההולכים בדרכי אבותינו ורבותינו הקדושים וממשיכים בגאון ובעוז דרכו הסלולה של איתן אדונינו כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע מייסד הקהלה והעיר הצדק קרית מלך רב.

ותולי"ת כי לאחרונה **פנים חדשות באו לכאן ועלה ונתעלה כתר שם טוב של קהלתינו הק' שגדלו והצליחו בכמות ובאיכות באופן מאוד נעלה למעלה מן המשוער, ונתרחבו גבולי הקדושה בבניית בתי כנסיות ובתי מדרשות בכל רחבי העיר** לשם ולתהלה, ונתרבו ספסלי דבי מדרשא עם שיעורי תורה תמידין כסדרן בקרב בתי מדרשינו, ועל צבאם עומדים על הפקודים הני חשובי מרביצי תורה וכבוד **דייני ומוצ"י הקהלה שליט"א אשר הניפו והרימו כח התורה וההוראה** בקרב הקהלה להאיר נתיבותיהם ולהדריכם דרך ישרה בבניית בתים נאמנים לה' ולתורתו ולהעמיד דורות ישרים ברוח ישראל סבא.

ותבענה שפתינו תהלה לכבוד הני מטיבי לכת אנשי חיל זוכים ומזכים את הרבים מע"כ **חברי הנהלת הקהלה בד בבד עם העסקנים המסורים העוסקים ללא ליאות להגביר חיילים לתורה ולתעודה** עם פעלים רבים ואדירים לכלכל כל צרכי הקהלה ממסד עד טפחות ועוד ידם נטוי' בעזרתו ית"ש להוסיף ולהרבות כהנה וכהנה כראוי וכיאות לקהלתינו הק' ועיר עוז לנו.

אמנם דעת לנבון נקל **שכל אלו הפעולות הברוכות עולים להון תועפות, וכמשא כבד יכבדו עול ההוצאות על שכמם של חברי הנהלת הקהלה אשר יום ולילה לא ישבותו לבל יחסר המזג ולהוסיף חיל למען המשך פריחת ושגשוג הקהלה ברו"ג.**

**ובכן דבר שפתים אך למותר בגודל החיוב המוטל על כל אחד ואחד מבני הקהלה להיות נמנה בתור חבר הקהלה, כפי אשר יושת ע"י מרן רבינו הקדוש זי"ע שחיובא רמיא על כל חברי הקהלה להחזיק קופת הקהלה ב"דמי חבר" מדי שנה בשנה, שהוא עמוד התווך ויסוד קיום הקהלה שלא יבוש המעיין ולא יקצץ האילן לעד ולנצח.**

**ובכן אין מזרזין אלא למזורזין שכל אחד יאמר אני נקראתי לקיים מה שנאמר "חבר אני לכל אשר יראוך", ועל כל אחד מחברי הקהלה להיות חבר בהנהו חבורתא קדישתא ולשלם בעין יפה דמי חבר להחזקת הקהלה, ובעלי היכולת יוסיפו כיד ה' הטובה עליהם, ובכח הרבים ובכח האחדות נוכל בעז"ה להחזיק מעמד ולגדל צאצאינו ודורותינו על דרך ישראל סבא בלי שום שינוי מאבותינו ורבותינו הק' נבג"מ.**

ובטוח אני באלה שזכותו הגדול והקדוש של מרן רביה"ק זי"ע יעזור ויגן על כל חברי קהלתינו להתברך עם כל משאלות לבבם לטובה ולברכה, ויחולו על ראשם כל ברכות האמורות בתורה מתוך עושר ואושר וכט"ס, ונזכה כולנו לגדל צאצאינו ע"ד התורה והיראה מתוך נחת והרחבת הדעת דקדושה, ובמהרה נזכה לישועתן של ישראל ושמחתן בהתגלות כבוד שמים עלינו אמן.

**הבעה"ח יום ג' לס' נחית בחסדך עם זו י"ג שבט תשפ"ד לפ"ק**

דער רב שליט"א ברענגט ארויס די פנים חדשות אינערהאַלב ק"ק קרית יואל מיט איר באַרימטן כתר שם טוב צו מרחיב זיין גבולי הקדושה בכמות ובאיכות

הייבט אַרויס דער חיוב להיות נמנה בתור חבר הקהלה ווי מרן רביה"ק זי"ע פאָדערט "חיובא רמיא" וואָס דאָס איז דער עמוד התווך און יסוד קיום הקהלה

בעט יעדן יחיד ויחיד אויסצוצאָלן דמי חבר אין די יעצטיגע טעג - בעט באַזונדער פון די בעלי יכולות צו מוסיף זיין מיט אַ העכערע השגה כיד ה' הטובה עליהם

# האַרציגע פערזענליכע בריוו פון מזכיר הקהלה הר"ר יושע אליעזר שטויבער הי"ו עפנט אויף קהל'ס קעמערלעך דער ציבור זאל באַגרייפן נחיצות פון היי-יעריגן קאַמפּיין

**פלאַמט אויף יעדן יחיד להעמיד ק"ק קרית יואל ולהאדירה לויט זיינע מעגליכקייטן**

## ר' יושע אליעזר רעדט פון האַרץ אַרויס ווי אַ חבר צו אַ חבר אַז דער ציבור זאָל מיטהאַלטן וואָס די הנהלת הקהלה גייט אַריבער:

**"עס קען זיין טעג וואס מען קומט אריין אין אפיס אָן קיין חשבון און מהלך וויאזוי מען וועט דעקן דעם טאג**, און ארויסגעבן פעימענטס פאר די אפענע באלאנסן וואס דרוקט אויף קהלתינו הק'.

לאמיר עס זאגן קלאר: **מיר דארפן אויפקומען 'יעדן' 'איינציגסטן' 'טאג' מיט פרישע מיטלען צו קענען דעקן דעם לויפנדן בודזשעט.** ס'איז פשוט נישטא די הרחבת הדעת צו קענען אנגיין מיט'ן סדר היום, ווייל **די אלע לעבטיגע פעולות וואס מיר אלע לעבן מיט, דאס האט א פרייז וואס הויערט אויף אונז**, און מיר לעבן חיי יום יום מיט א שווער מוטשעניש צו קענען דעקן דעם בודזשעט.

**עס איז פשוט נישטא. ס'איז נישטא פון וואו צו נעמען. מ'דרייט און מ'דרייט, אבער דאס קומט אויך צו אן ענדע.**

אבער דער עיקר ווילן מיר אפעלירן צום ציבור: **מיר האבן איין עצה, מינן ומינך יסתייעו מילתא, לאמיר**

**אינאיינעם שפאנען פאראויס, און צוזאמען וועלן מיר אינאיינעם דערגרייכן נישט צו גיין אויף צוריק!**

בפרט צו די חברי זהב, וואס איז באמת נישט מעגליך געוונג ארויסצוברענגען וואס דאס מיינט פאר אונזער קהלה, בעטן מיר די געטרייע חברי זהב: **איר זאלט ווייטער אנהאלטן אייער חבר זהב סטאטוס, אויסצוצאלן דעם העכערן גאלדענעם דמי חבר, ווייל נאר מיט אייך האבן מיר געקענט אנקומען ביז אהער. מיר האבן נישט די ווערטער ארויסצוגעבן וויפיל דאס האט צוגעגעבן אז מיר זאלן קענען אויפטון אויף יעדע פראנט במשך פון א גאנצע יאר!**

און מיר האבן נאך א בקשה: **מיר בעטן ווער עס האט די יכולת, ביטע זייט מאליו יקרא,קומט אונז אקעגן צו באצאלן דמי חבר זהב. ווייל אז מיר וועלן בעז"ה צובאקומען נאך אזעלכע טייערע חברים, וועלן מיר קענען האבן די הרחבת הדעת סיי צו דעקן די ביז יעצטיגע לעכער, און בעיקר וועלן מיר קענען מער, און סאך מער, אויפטון מיט פעולות אדירות בהוה ובעתיד.**

אז איר קענט נישט ממש געבן די דמי חבר זהב, טראכט א מינוט, און **קומט אונז אקעגן צו געבן די דמי חבר כסף. וואס דאס איז אויך גאר א שטארקע הילף און רוקנביין אז מיר זאלן קענען פאראויסגיין.**

דאס זעלבע בעטן מיר פון יעדן יחיד: **זייט מעודד א צווייטן. אז איר ווייסט איינער האט נישט באצאלט כאטש די מינימאלע דמי חבר, רעדט צו אים מיט חיזוק ווערטער, גיט אים צו פארשטיין אלעס וואס מיר האבן ביז אהער געשריבן.**

**די ביכער זאגן עס קלאר, ווען יעדער וואס האט דא הנאה, זאל אויסצאלן זיין באלאסטונג, זענען מיר געדעקט בעז"ה, און מיר קענען רואיגערהייט שפאנען פאראויס פארזיכערטע פעסטע טריט!**

**אבער עס מוז זיין יעדער."**

# משמשים וגבאים פון אלע בתי מדרשים דקהל יטב לב איבער קרית יואל רבתי ווערן איינקאַסירן די יערליכע דמי חבר הקהלה

### המה הגבורים העומדים על הפקודים בקרב בתי מדרשים דקהלתינו

| | | | |
|---|---|---|---|
| **בידהמ"ד הגדול:** ר' אביגדור נחום שלעזינגער הי"ו, משמש קהלתינו הק' | **ישמח משה:** ר' משה יאקאבאוויטש הי"ו, משמש | **בית מרדכי לייב:** ר' ברוך יודא שישא הי"ו, משמש | **בידהמ"ד ווינטשעסטער:** ר' פנחס שמעי' פערענץ הי"ו, גבאי |
| **בית כהנא:** ר' זלמן לייב מארקאוויטש הי"ו, משמש | **בית יקותיאל:** ר' שלום יוסף אייזנבערג הי"ו, גבאי | **בידהמ"ד בית יעקב:** ר' יעקב אלימלך אייזענבערג הי"ו, גבאי | **בידהמ"ד איילענד וויא:** ר' משה יודא מינץ הי"ו, גבאי |

# 'מעמד הכרת הטוב' פאַראייניגט די 'דרייסיג' העראָאישע 'הצלה דיספעטשערס' ביי עלעגאַנטע מסיבֿת ראש חודש דורך 'חברה הצלה קרית יואל'

## אַריסטאָקראַטישע אָוונט פאררופן דורך הר"ר בעריש שענברוין הי"ו מ'דזיקוב, זעלבסט אַ מיטגליד אין 'קרית יואל דיספעטש' קאמיטע און קאמיוניקאציע דירעקטאָר, הייבט אַרויס מסירת נפש פון געטרייע גענעראַלן פון הצלת ישראל אין קרית יואל

און אינספּירינדע אַטמאָספערע האָט זיך געשפּירט דעם פאַרלאָפענעם דאָנערשטאָג אָוונט, ליל שישי העעל"ט, ביי דעם ערהאַבענעם אָוונט, וואָס האָט פאַראייניגט די דרייסיג מסירת נפש'דיגע העלדן, די געטרייע 'דיספּעטשערס' פון דער חברה הצלה קרית יואל, וואו ס'איז געקומען צום אויסדרוק די אַנערקענונג און דאַנק אין נאָמען פון אַלע טויזנטער תושבי קרית יואל, פאר אלעם וואס זיי טוען, מיט אַזאַ מסירת נפש און געטריישאַפט פאר הצלת ישראל.

דער נאָבעלער מעמד איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ביהמ"ד דזיקוב אויף מירון דרייוו, אונטער דעם שטוב פון דעם וואויל באַקאַנטן 'גאון בחסד', הרה"ח מו"ה בעריש שענברוין הי"ו מדזיקוב, וועלכער איז זעלבסט א מיטגליד אין דער 'קרית יואל דיספּעטש' קאמיטע און שטייט גלייכצייטיג אין שפּיץ אַלס דער 'קאמיוניקאציע דירעקטאָר', וועלכער פאַרפיגט אויף אלעס אנבלאנגט די פארצווייגטע קאמיוניקאציע סיסטעם פון די 'חברה הצלה קרית יואל', וואס פארבינדט די נאנט צו הונדערט וואלונטירן אויף א העכסט פּראַקטישן 'סאפטוועיר' סיסטעם, וואס איז נישט פארהאן דאס גלייכן אין סיי וועלכע אנדערע געגנט.

### קרית יואל אַנערקענט אירע העלדן מיט הכרת הטוב

ביי דעם אַריסטאָקראַטישן מעמד איז עטוואָס אַרויסגעהויבן געוואָרן די אַנערקענונג, להביע שבח פעולתם פון די מסירת נפש'דיגע מצילי נפשות, וואס געבן זיך אוועק אַלע זייערע טעג און נעכט פאר אַנדערע אידן מיט וועמען זיי וועלן מעגליך קיינמאל מיט זיי קיין שייכות נישט האבן; אבער אז אַ איד רופט פאר הילף וועלן זיי בליץ-שנעל איבערנעמען און קאָאָרדינירן די סיטואַציע, מען לאזט אפּ די אייגענע פליכטן, פון דער אייגענער רואיגקייט, אוועקאפּפערנדיג דערפאר זייער גאנצן לעבנסשטייגער מיט אן אומבאגרייפליכער איבערגעגעבנקייט. – נישט פאר קיין אנערקענונג, נישט פאר קיין געלט, נישט פאר קיין שום אינטערעסע אין דער וועלט, נאר צו העלפן אידישע קינדער אין צייט פון סכנה און שרעק.

ביים אָוונט האָט מען באַטאָנט דאָס אומגלויבליכע, וואָס מענטשן באַגרייפן נישט צומאָל, אַז א דיספּעטשער איז 'אלעמאל' אין דינסט, אפּגעזען צו עס איז יא אדער נישט דא א הצלה רוף. ער שטייט גרייט על כל צרה שלא תבוא. ווי הרה"ג ר' יואל יצחק שטערן שליט"א דומ"ץ דינוב קרית יואל און דיין פון די חברה הצלה, האָט פּאַסיג ארויסגעברענגט אז דאס איז א ענין ווי א 'קרבן תמיד' וואס שטייט אלעמאל עומד הכן להציל נפשות.

איבערהויפּט אַז די אַלע 'דיספּעטשערס' זענען דאָך אויסגעשולט און באַגלייט מיט לאנגע יארן ערפאַרונג אין סיי וועלכע קאָמפּליצירטע פעלער. זיי אַלע שטייען ווי גענעראַלן אויפ'ן פראָנט פון הצלת ישראל, צו נעמען די לייצעס אין די האנט סיי ווען מ'דאַרף מאכן קריטישע באשלוסן איבער וועלכע מעמבער ס'זאל גיין צו וועלכע לאָקאַציע, אָדער צו באַשטימען וויפיל מעמבערס זאלן געשיקט ווערן צו וועלכע הילפ'ס רופן. איבער אַלעם איז צום שטוינען וויאַזוי זיי האַלטן אַלעמאָל דעם רואיגן טאָן, מיט אַ גלענצענדע 'מח שליט על הלב', אין די קריטישסטע מאָמענטן, ס'זאָל זיך אודאי נישט מאכן.

### אן אַנגענעמער אָוונט בטעם העליון



איז דאָך נישט מער ווי פּאַסיג געווען, צו פאַראייניגן די געטרייע 'דיספּעטשערס', ביי א געשמאַקן פאַרברענג, בשבת אחים גם יחד, צו געניסן פון חיזוק'דיגע מאָמענטן, זיך אינאיינעם צו שטארקן, הנאה-האבן און שעפּן חיזוק אנצוגיין ווייטער, איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק.

ארום די טישן אינעם היכל ביהמ"ד, אנגעגרייט מיט טעם און געשמאַק, האבן זיך געזעצט די טייערע בעלי חסד, די 30 דיספּעטש וואָלונטירן, צו אַ רייכע סעודת ראש חודש, בשעת זיי שעפּשן אַ שטילע תפלה אז די 'הצלה פאון' זאל נישט קלינגען און אלע קרית יואל'ער איינוואוינער זאלן זיך גוט שפּירן...

ס'איז געווען אַן ערהאַבענע סצענע פאר די באַטייליגטע זעלבסט, צו זען מיט די אויגן דעם גרויסן צאָל פון אזויפיל דרייסטע און געניטע בעלי חסד וואָס זענען אָנגעשלאָסן אין דעם דיספּעטש טיעם. איבערהויפּט האט זיך אנגעזען די געטרייע 'דיספּעטשערס' וועלכע וואוינען אין אנדערע געגנטער, אבער דינען אויך אין 'חברה הצלה קרית יואל' דיספּעטש טיעם, ווײלנדיג אין די זומער וואכן אין דער קרית יואל אומגעגענט.

## מלמד שאני מכיר טובה; הר"ר ישראל קנאבלעך הי"ו

נאכ'ן סערווירן געשמאקע איבערבייס און פארברענגען אינאיינעם בשבת אחים האט זיך אנגעהויבן דער פּראגראם פונעם אווענט. צו זיין דער פותח דברים בחכמה איז אויסגעקליבן געווארן אלס טשערמאַן און יו"ר, דער קרית יואל הצלה סופּערווייזער הר"ר ישראל קנאבלעך הי"ו, וועלכער האָט באטאנט די הכרת הטוב פאַר'ן בעל האכסני', הר"ר בעריש שענברוין הי"ו, פאר זיין צען יעריגע ארבעט בלי ליאות אויפצובויען א מאסיווע קאמיוניקאציע סיסטעם. ווען טראָץ די פילע שטערונגען און שטרויכלונגען אויף מערערע פראנטן איז ער נישט מיד געווארן און באוויזן אהערצושטעלן דעם סוקסעספולן סיסטעם וואס ווערט באוואונדערט דורך פילע אנדערע הילפס אגענטורן פון קרית יואל און פון אנדערע געגענטער.

## אינפאָרמאַציע פון הונטער די קוליסן; הר"ר בעריש שענברוין הי"ו

ס'איז געווען אַ ספּעציעלע הנאה ווען מען האָט געהערט די העכסט אינפארמאטיווע אויפטריט דורך הר"ר בעריש שענברוין הי"ו, חברה הצלה קאמיוניקאציע דירעקטאָר און דיספּעטש קאמיטע מיטגליד, וואס האט פארגעשטעלט וויכטיגע אינפארמאציע פון הונטער די קוליסן, וואס נישט אלע וואלונטירן פון די הצלה האבן מיטגעהאלטן ביז היינט, איבער די פילע פּראבעס, טעסטונגען און שטרויכלונגען וואס מען איז אויסגעשטאנען לאורך הדרך ביז'ן גרייכן צו א דבר השלם בעזה"ה.

גלייכצייטיג האָט הר"ר בעריש הי"ו זיך באדאנקט פאר זיינע צוויי מיטהעלפער און שותפים לדבר מצוה, הר"ר בנימין ברוין הי"ו פון מאנסי און הר"ר שלום יצחק הערשקאוויטש הי"ו פון קרית יואל, וואָס האָבן גענוצט זייער עקספּערטיז אַלס פּראָפעסיאָנאַלע פּראגרעמערס, צו באַווייזן דאָס שטוינענדע און אַקטיוויזירן אזא מאסיווע קאמיוניקאציע סיסטעם.

## אינפאָרמאַציע איבער פרישע געזעצן; הר"ר יואל גראָס הי"ו

דערנאך האט אויפגעטרעטן הר"ר יואל גראס הי"ו, אן אַקטיווער מיטגליד אין דער 'הצלה דיספּעטש קאמיטע' וועלכער שטייט אין שפּיץ פון די 'נייט שיפט' מיט אַ געניטע און געטרייע האַנט.

אין זיין אויפטריט האָט הר"ר יואל הי"ו מיטגעטיילט מיט די אָנוועזנדע די נייע דיספּעטש רולס פון די 'היפּ"א' געזעץ, וואָס פאַרלאַנגט אַז מ'דאַרף האַלטן סיי וועלכע הצלה אינפא. קאנפידענשאל, וואס איז די רעכטן פון יעדע פאציענט און משפחה ארום.

רעדנדיג פאָרנט פון די 'דיספּעטשינג' העלדן, איז דעריבער ברייט אויסגעשמועסט די ערפאַרענע און פּראָפעסיאָנאַלע מהלך וויאַזוי אויפצונעמען און איבערגעבן ווייטער הצלה קאלס, סיי געזעציליך און סיי מיט'ן גרעסטן כבוד פון די באַטרעפנדע, ווי די לאַנגיעריגע טראַדיציע פון חברה הצלה קרית יואל.

## אַ גרוס פון 'מצילי אש'; הר"ר יוסף בלומענטאל הי"ו

מיט אינטערעסע האָט מען דאַן געהערט אַ גייסטרייכן אויפטריט דורך הר"ר יוסף בלומענטאל הי"ו, וועלכער שטייט אין שפּיץ פון די העלדישע 'מצילי אש' פייער רעסקיו טיעם, און האָט דערביי אויסגעדרוקט זיין הכרת הטוב, בשם כל תושבי העיר, מיט די ריכטיגע לויב ווערטער פאר די געטרייע דיספּעטשערס וואס דיספּעטשן אויך די 'פייער' קאלס פאר מצילי אש, ומזה ומזה אל תנח ידם.

נאָכ'ן דערמאַנען די 'דיספּעטשערס' האָט ער אויך אַרויסגעהויבן די הכרת הטוב פאר הר"ר בעריש הי"ו מיט זיינע שותפים, פאר די פילע לייסטונגען לטובת בני העיר, ווען אין צוגאב צו זייער עבודת הקודש אינערהאַלב חברה הצלה זענען זיי מיט גרויס געניטשאפט געשטאנען צוהילף אויך פאר די מצילי אש דיספּעטשינג, וחפץ ה' בידם הצליח.

באַזונדער האָט ר' יוסף ערקלערט דער סיסטעם וויאַזוי עס אַרבעט די 'יוניט נומערן' פון די הייזער אַדרעסן, וואס איז קריטיש ווען ס'קומט צו הילפס רופן אין צייטן ווען יעדע סעקונדע מאכט א דיפערענץ.

אויפ'ן אָרט איז טאַקע באַגריסט געוואָרן שבחו ותהלתו פון ר' יוסף וואָס האָט אינוועסטירט אַן אויסטערלישע האָרעוואַניע צו אַהערשטעלן די קאָמפּליצירטע 'יוניט' סיסטעם וואס איז היינט איינגעשטעלט איבער דער גאַנצער שטאט, און איז צושטאַנד געקומען אַדאַנק די געוואַלדיגע כוחות וואָס וואס ר' יוסף האט אריינגעלייגט דערין, וואָס איז אין אַסאַך פעלער ממש דער שליסל בין מוות לחיים, ושכרו הרבה מאוד.

## די אומגלויבליכע וואוקס פון 'הצלה קרית יואל'; הר"ר יודל דייטש הי"ו

עס האָט אויך אויפגעטרעטן דער לאַנגיעריגער איש הצלה, מו"ה יודל דייטש הי"ו, וועלכער האָט מיטגעטיילט אינטערעסאנטע דעטאַלן פון זיין ערפאַרונג אינערהאַלב די חברה הצלה קרית יואל, ווען ער האָט מיט התפעלות ארויסגעברענגט די שטוינענדע חילוק פון קרית יואל היינט און אַמאָל.

ר' יודל האָט באַטאָנט אַז צוליב די ריזיגע אויסוואוקס פון דער שטאט מיר אירע פילע נייע געגענטער אויף אַלע זייטן, איז 'חברה הצלה' היינט צוטאָגס געצוואונגען צו דעקן צענדליגע מאל מער די גרויסקייט אין שטח און אין איינוואוינער ווי מיט בלויז עטליכע יאָר צוריק.

## איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק!

דורכאויס דעם גאַנצן אָוונט האָבן אַלע רעדנערס ארויסגעברענגט מיט דיבורים היוצאים מן הלב די זעלטענע זכות וואָס די 'דיספּעטשערס' האָבן צו ראטעווען אידישע קינדער, אויף א פארנעם וואס מ'זעט נישט דאס גלייכן אין דער גאנצער וועלט, וויאַזוי די הצלה דיספּעטשערס אפּפערן זייער אייגענע צייט און כוחות מיט אַזאַ איבערגעגעבנקייט אָן קיין אָפּשטעל און אָן קיין אָפּרוה.

מיט געהויבענע געפילן זענען די פילצאליגע פּאַראַמעלטע הצלת נפשות העלדן – זיך צעגאנגען ביי דער ענדע פון דער מסיבה; געשטארקט פון די ווארעמע דרשות; און אנגעשעפּט מיט הויפנס חיזוק און אינספּיראציע פארצוזעצן ווייטער מיט דער עבודת הקודש, צו העלדיש ראטעווען אידישע קינדער, בייטאג און ביינאכט, שבתים און ימים טובים; מיט הארץ, געפיל און געטריישאפט.

**חזקו ונתחזקה, גבורי הצלה!**


האט איר געוואוסט?

נר שעוה איז
געגרינדעט געווארן אין
קרית יואל דארט וואו
עס איז היינט גמ"ח
מהריי"ט קרית יואל

און עס איז
נאך היינט אין
קרית יואל

היטשט
אריבער..

20 Industry Drive
קומט אליין אדער מיט אייערע קינדער

נר שעוה
געגרינדעט דורך
לייב גליק



א לעכט פון 'נר שעוה' טראפט
נישט, רייכערט נישט, הערליך
ווייסע קאליר, הערליכע פלאם,
ערצייגט דורך היימישע אידן
תושבי קרית יואל

CAMPAIGN
SPONSOR
Week #6

קרית יואל
חסד
ווינטער
קאַמפּיין

'היטשט' און 'געווינט' 845.288.3880

## כה תאמר לבית יעקב ותגיד לבני ישראל:

# טויזנטער קרית יואל'ער נשים צדקניות איינגעהילט אין געפילן פון דערהויבנקייט נאָכ'ן מיטלעבן אומבאַשרייבליכע מאָמענטן ביי 'ולנצח נצחים' פאַרזאַמלונג

**הייליגער מעמד בלאזט אריין אַ פרישע גייסט פון פּאָזיטיווע התחזקות פאַר די טויזנטער נשים צדקניות וועלכע באַגרייפן און פאַרשטייען קלאָר און דייטליך דאָס 'חשיבות' און די 'טייערקייט' פון אידישע מאַמעס**

**יעדע מינוט פונעם מעמד פול געפּאַקט מיט אויסטערלישע געלונגענע דרשות און האַרציגע אויפטריטן דורך באַגאַבטע רעדנערס וועלכע מוטיגן און הייבן אַרויס די העלדישע בויערין פונעם דור העתיד אויפ'ן ערליכן וועג**

קרית יואל. – ס'איז באמת נישט פאַרהאַן די ווערטער, ס'איז נישטאָ די שפּראַך, צו קענען שילדערן די געהויבנקייט, דעם אויסטערלישן באַדייט און די ווייטגרייכענדע השפעה לטובה, פון דער ריזיגער "קידוש ה' פאַרזאַמלונג", וואָס איז פאָרגעקומען דעם פאַרגאַנגענעם מאָנטאָג פ' משפטים אויפדערנאַכט אין אונזער הייליגע שטאָט קרית יואל, די "לנצח נצחים חינוך אָווענט" אסיפה, וואָס איז פאַררופן געוואָרן דורך הנהלת המוסדות, פאַר די מאַמעס פון תלמידים ותלמידות פון די מוסדות הק', וועלכע האָבן זיך דערביי אָנגעשעפּט מיט אומגעהויערע קוואַנטומען פון התרוממות און באַגייסטערונג!

אַצינד, ווען מיר גייען אין דרוק עטליכע טעג דערויף, לאָזט זיך נאָך אַלץ נישט גלייבן דער אומגלויבליכער סוקסעס וואָס איז אָפּגעצייכענט געוואָרן, בכמות ובאיכות, אין יעדן הינזיכט, וואָס האָט אָפּגעקלינגען מיט אַזאַ קידוש שם שמים און אויפגעציטערט די גאַנצע שטאָט, ווערנדיג פאַרוואַנדעלט אין "געשפּרעך פון טאָג" אין קרית יואל!

דאָס ערנסטקייט, די ברען און דערהויבנקייט וואָס האָט אַלעמען דורכגעדרינגען; די אויסטערלישע געלונגענע דרשות און האַרציגע אויפטריטן וואָס זענען געהערט געוואָרן, קלאָר און דייטליך, פּראַקטיש און פאַרשטענדליך, גרייכנדיג דירעקט צו די הערצער פון די מאַמעס, איז עפּעס וואָס מ'קען נישט באַשרייבן.



### דער ציל פון דער אסיפה; אַנערקענען דאָס טייערקייט און חשיבות פון די כלל ישראל בויערין

מיט אָט דער אסיפה פאַר די מאַמעס האָט זיך פאַרוויקליכט אין פולן זינען פון וואָרט דער "כה תאמר לבית יעקב"; ווען די הנהלה רוחניות פון די הייליגע מוסדות – המה העומדים על הפקודים על משמרת החינוך – האָט אַזוי נאָבל און פּרעכטיג אַדרעסירט די נשים צדקניות, צו פאַרשטיין קלאָר און דייטליך דאָס "חשיבות", דאָס "אחריות", די "טייערקייט" פון אַ אידישע מאַמע אַלס די בויערין פונעם דור העתיד, און גלייכצייטיג איר פאַראַנטוואָרטליכקייט אויפצובויען אַ שוץ-מויער פאַר'ן רוחניות'דיגן עתיד פון זיי און זייערע טייערע קינדערלעך.

די אסיפה האָט אויסגעשמועסט פילע וויכטיגע טעמעס איבער דעם חינוך פון אונזערע קינדער, בנוגע אונזער אויפגאַבע ארייצופלאנצן אין זייערע יונגע הערצער אהבת תורה ויראת שמים, און שטאַרקן די עלטערן זיך נישט צו פאַרלירן ווען

ס'קומט צו אַ נסיון, נאָר פּארקערט, מיט ליבליכקייט זיי פלעגן, מיט אַ שטארקייט זיי באַשיצן, צו פארבלייבן איידל, אפּגעהיטן, וואויל, געטריי און ערליך, ווי ס'פּאַסט זיך פאַר קינדער פון רבינו הקדוש זי"ע!

די טויזנטער מאַמעס האָבן מיט'ן גאַנצן האַרץ, בלב ובנפש געהערט און אויפגענומען די פּערל ווערטער, בחשק, ברצון, באהבה, מיט פאַרשטענדעניש, אַז וואָס מיר טוען, טוען מיר פאַר זיך אליין און פאר אונזערע אייגענע קינדער, כדי מיר זאָלן זוכה זיין צו זען ביי זיי ערליך אידיש נחת, ווייל דאס איז דאך אונזער גאנצער ציל אין לעבן. כי זה כל האדם!

## "עטרת מייזעלס" איבערגעפולט איבער אַלע ברעגן

צו דער באַשטימטער צייט, מאנטאג אום 8:45 אָוועגט, האָבן די טויזנטער נשים צדקניות אָנגעהויבן "באַלאַגערן" די פּרעכטיגע חתונה-זאַלן פון "עטרת מייזעלס", וואָס אויף דעם אָרט טאַקע בויען זיך די צוקונפטיגע אידישע שטיבער פון קרית יואל'ער משפּחות, דאָ טוען די עלטערן חתונה מאַכן די קינדער, מ'שיקט זיי אַרויס פון די שטיבער צו גיין אויפשטעלן זייערע אייגענע נעסטן, און דאָס אַליין ברענגט שוין אַן ערנסטן טראַכט אויף אונזער פליכט זיי צו באַשיצן און באַוואַכן אַז זיי זאָלן טאַקע פאַרבלייבן הייליג און ערליך.

"טויזנטער בענקלעך" זענען געווען אויסגעלייגט פון איין ברעג צום אַנדערן פון עטרת מייזעלס, אָבער ביז אַ קורצער צייט האָט זיך ארויסגעשטעלט אז מ'האט ווייט אונטערגעשאַצט די באַטייליגונג און מ'האָט געמוזט צוברענגען פרישע בענקלעך, און "אַריינקוועטשן" אין די קאָרידאָרן, וואו נאָר מעגליך, ווייל דער שטראָם איז געווען ווי אומאָפּשטעלבאַר.

די הנהלת המוסדות האָט אַרויסגעשיקט צענדליגער באָסעס איבער דער גרויסער פונאַדערגעוואַקסענער שטאָט, און זיי האָבן טראַנספּאָרטירט די חשוב'ע נשים צדקניות פון איבער אַלע גאַסן און אַלע געגענטער אַרום גאַנץ קרית יואל און די גלילות אַרום. מ'האָט זיך אַליין נישט געגלויבט, אַז ס'וועט ארויסברענגען אזא געוואלדיגער ציבור. ממש "יעדע מאַמע" אָן אויסנאַם, וואס איז געווען דאָ אין שטאָט און נישט געהאַט עפּעס אַן אויסנאַם סיבה, איז געווען ביי די פארזאמלונג – און נישט סתם געווען; נאר פון אנהויב ביז די ענדע!

ביז אַ קורצע צייט איז טאַקע יעדעס בענקל געווען אָקופּירט פון אַ געטרייע אידישע מאַמע וועלכע איז געקומען הערן וואָס עס פאָדערט זיך פון איר פאַר'ן עתיד פון אירע קינדערלעך. אויף יעדע פלאַץ איז געווען אַרויסגעלייגט שיינע אויפקלערונגס מאַטריאַל מיט אַ באגריסונג, און סדר פון דער אסיפה.

פון אַלע מאַמעס האָט מען געהערט אַן אויסטערלישע באַגייסטערונג פון די וואונדערבארע "דרשות"; סיי "וועך" עס האָט גערעדט, נעמליך, חשוב'ע לאנגיאריגע מחנכות וועלכע קענען און פארשטייען דעם חינוך "דורך און אדורך"; סיי "וואָס" מ'האָט גערעדט, די געוואַלדיגע שטאַרקע אינהאַלט און אויסטערליש שיינע געדאַנקען וואָס האָבן געהאַלטן געשפּאַנט, און סיי "וויאזוי" זיי האָבן גערעדט, מיט אַזאַ האַרציגקייט און וואַרימקייט, וואָס האָט פון זיך אליין אפּגעשפּיגלט די געהויבנקייט פון דעם מאָמענט.

יעדע איינציגסטע מינוט פון דער אסיפה איז אָנגעפולט מיט רייכע תוכן, אַזש ס'האט זיך נישט געשפּירט ווי די זייגער לויפט, און פילע מאַמעס האָבן זיך אויסגעדריקט אז זיי וואלטן געקענט אזוי זיצן נאָך עטליכע שעה און נישט וועלן אַוועקגיין פון פלאַץ...

## איינלייטונג צו פאַרשטיין דעם ציל: די חשוב'ע מנהלת מרת שטויבער שתחי'




איינגעלייטעט די אסיפה, אין נאָמען פון דער הנהלת בית רחל, האָט די חשוב'ע און בארימטע מנהלת מרת שטויבער שתחי', די לאנגיאריגע מחנכת אין די מוסדות הק', וועלכע האָט באַגריסט די פאַרזאַמלטע און ארויסגעברענגט אין קורצע ווערטער דעם ציל און באַדייט פון דער הייליגער פאַרזאַמלונג.

אויף אַ הערליכן פאַרנעם האָט די חשוב'ע מנהלת תחי' אַרויסגעהויבן דאָס חשיבות פון אידישע מאַמעס, באַגריסנדיג אלע פארזאמעלטע וואס יעדער האט זיך ארויסגעכאפט פון שטוב, טראָצדעם וואָס ס'קומט נישט אן לייכט, אַלעס ווייל מען וויל הערן און בעסער ווערן, צו זיין ערליכע מאַמעס, האָבן ערליכע שטיבער, צו קענען אויפבויען ערליכע דורות.

## גייסטרייכע דרשה פון מנהל הבית רחל הרה"ג ר' נחמן זיגעלמאן שליט"א

מיט אַ געוואַלדיגע אינטערעסע האָט מען דאַן געהערט די גאָר גייסטרייכע דרשה, מיט די זעלטענע שטאַרקע געדאַנקען, וואָס עס האָט געזאָגט דער חשוב'ער געטרייער מנהל הבית רחל, הרה"ג ר' נחמן זיגעלמאן שליט"א.

דער חשוב'ער מנהל האָט אין זיינע גאָר טרעפליכע ווערטער אַרויסגעהויבן דאָס וויכטיגקייט אַז עלטערן זאלן אַרבעטן אינאיינעם מיט די געטרייע מחנכים און מחנכות פון די טייערע פקדונות און געטרויען די הנהלת הישיבה ווען עס קומט צו דעם רוחניות'דיגן עתיד פון אונזערע טייערע קינדערלעך.

גאָר טרעפליך האָט דער מנהל אַרויסגעברענגט אַ הויפּט-נקודה, אז ס'קען זיך צומאָל דוכטן ווי עס זענען דאָ צוויי באַזונדערע פּאַרטייען... פון איין זייט די עלטערן, און פון די אַנדערע זייט די מוסדות... ניין! ס'איז פּונקט פאַרקערט! מיר האָבן דאָך אַלע דעם זעלבן ציל! וואָס ווילן די עלטערן? מחנך זיין אונזערע דורות אַזוי ווי מ'האט אונז אליין מחנך געווען! וואָס ווילן די מוסדות? מחנך זיין אונזערע דורות אויף דעם הייליגן וועג! ס'דאך אלעס איינס!

## הערליכע פּרעזענטאַציע; דאָס חשיבות פון אַ אידישע מאַמע

פון די שענסטע הויכפּונקטן ביי דעם הייליגן אָוונט איז געווען די אויגפאַרכאַפּנדע פּרעזענטאַציע וואָס איז פאָרגעשטעלט געוואָרן פּונקט אינמיטן פון דעם מעמד, אונטער'ן פאַסיגן טיטל "דאָס חשיבות פון אַ אידישע מאַמע", וואָס האָט ווירקליך געהאַלטן געשפאנט די טויזנטער פאַרזאַמלטע.

די פּרעזענטאַציע האָט הערליך פאָרגעשטעלט דאָס טייערקייט פון די 'אם בישראל' וואָס איז די גערטנער וואָס פלאַנצט און באַאַרבעט די הערליכע פּירות פון איר לעכטיגע גאָרטן. ס'איז אַ שווערע האָרעוואַניע צו אָפּהיטן דעם שיינעם גאָרטן, פלעגן און באַוואַסערן די יונגע געוואוקסן, אָבער דאַן ווען מען איז זוכה צו געניסן און שעפּן נחת פון די הערליכע פּירות זעט מען אַז אַלעס האָט זיך געלוינט און אויסגעצאָלט פילפאַכיג מער!

## האַרציגע אויפטריט: די חשוב'ע מחנכת מרת שפיץ שתחי'

ס'איז שווער אין קורצע ווערטער איבערצוגעבן די געפילן וואָס האָט זיך געשפירט ביי די גאָר גייסטרייכע דרשה, מיט די זעלטענע שטאַרקע געדאַנקען, וואָס עס האָט געזאָגט די באַרימטע מחנכת און בריליאַנטענע רעדנערין, מרת שפיץ שתחי', וואָס האָט טרעפליך אַדרעסירט דאס אידישע שטאלץ וואס דארף זיך אָפּשפּיגלען אויף אונזערע קינדער צו קענען וואקסן רואיג און צופרידן, באַשיצט פון די פאַר'גוי'אישטע גאַס, מיט אויסגעאיידלטע מדות און יראת שמים.

גאָר פאַסיג האָט מרת שפּיץ תחי' געזאָגט אַז א אידישע מאמע ווערט אָנגערופן "אם", ווייל פון אדם הראשון ביז משיח בויט זי דורות און שטעלט אראפּ יסודות.

די באַגאַבטע מחנכת תחי' האָט אַרויסגעברענגט פאַרשידענע פּונקטן וואָס איז נוגע אין אַ אידישע שטוב. צו אנפולן דאָס הויז מיט קדושה, וואוסנדיג אַז די מוזיק וואָס מ'הערט גייט אַריין אין דער נשמה. דאָס וואָרט 'זמר' אויב מען לייגט צו נאָך איין אות, מען מאַכט דאָס מער פאַר'גוי'שט ווערט דאָס בגימטריא 'נחש', ווידעראום אויב מען מאַכט איין אות ווייניגער, מען האַלט דאָס איידעלער און אידיש'ליך ווערט דאָס 'קול' - הקול קול יעקב!

אַזוי אויך האָט זי אַדרעסירט דאָס וויכטיגקייט פון איבערגעבן פאַר די קינדער אַ שעצונג צו תורה, וואָס לאזט אן השפעה אויף אייביג, און איבער די זהירות וואָס פאָדערט זיך צו אויפפּאַסן אויף די קליידער וואָס מען טוט אן די קינדער, ווייל די 'חיצוניות' האָט אַ געוואַלדיגע איינפלוס אויף די 'פּנימיות'.

אַ לענגערע ווײלע האָבן די טויזנטער נשים צדקניות געשלינגען מיט דאָרשט די פּערל ווערטער וואָס האָבן אונטערגעשטראָכן ווי הייליג ס'איז אונזער אויפגאַבע, ווי חשוב מיר זענען ביים טאַטן אין הימל, יעדע מאַמע האָט דאָך דער הייליגער באַשעפער אַליין איר אויסגעקליבן און אָנפאַרטרויעט אַז זי איז ראוי און פאַסיג צו זיין אַ מאַמע צו לעכטיגע קינדערלעך, און זי האָט די יכולת זיי אויפצוציען ריין און אָפּגעהיטן! ווי גליקליך זענען מיר, אָבער גלייכצייטיג ווי גרויס איז דאס אחריות!

## אָנגעהויבן צייטליך, געענדיגט פּונקטליך

באַזונדער איז דורך אַלעמען באַגריסט געוואָרן דער פאַקטאָר אַז די גאַנצע מעמד האָט זיך אָנגעפאַנגען און געענדיגט פּונקטליך אין צייט, וואָס האָט ערמעגליכט אַז די טויזנטער מאַמעס זאָלן נישט ווערן אויפגעהאַלטן איבריג, נאר צו דער באַשטימטער צייט האָט מען שוין פאַרלאָזט דעם זאַל, אויפשטייגנדיג אויף די באָסעס וועלכע האָבן זיי אָפּגעטראָגן אַהיים צוריק צו זייערע שטיבער, ווען יעדער איז דערהויבן מיט אַזאַ מורא'דיגן געפיל פון התרוממות, וואָס מ'געדענקט נישט דאָס גלייכן!

די חשוב'ע מאַמעס האָבן מיטגענומען אויך אַ הערליכע מזכרת וואָס איז פאַרטיילט געוואָרן פאַר די טויזנטער פאַרזאַמלטע. אויפ'ן וועג אַהיים האָט זיך געשפּירט ווי מ'לאַנדעט אַראָפּ פון די הויכע ספערן אין וועלכע מ'האָט געשוועבט די לעצטע עטליכע שטונדן, מיט אַ שטאָך אין האַרצן אַז מ'דאַרף צוריקגיין צו דער גשמיות'דיגער גאַס, אָבער מיט אַ התחזקות אין מח, אַז מיר ווייסן וויאַזוי צו שעצן אונזער עבודת הקודש אַלס אידישע מאַמעס וואָס שטעלן אויף די לעכטיגע דורות וואָס זאָלן זיין גרייט צו אַנטפּאַנגען משיח צדקינו מיט לויטערע פּנים'ער!

## די ליכטיגע אָפּקלאַנג, אַ געהויבנקייט ביי אידישע מאַמעס!

נאָך אין דער זעלבער נאַכט איז די דערפאָלגרייכע אסיפה פאַרוואַנדעלט געוואָרן אין דאָס "געשפּרעך פון טאָג"! די טויזנטער באַטייליגטע שמועסן דאס איבער צווישן זיך און געבן דאס איבער ווייטער פאר די וואס האבן נישט געהאט די מעגליכקייט צו אָנוועזנד זיין, און אַלעס ווערט ארומגעכאַפּט אין פלאַם פון באַגייסטערונג און התחזקות.

די גרוסן זענען אויסערגעווענליך, העכער די ערוואַרטונגען; עס האָט געמאַכט ממש א מהפּיכה! די טויזנטער עלטערן האבן נישט גענוג ווערטער פאַר דער הנהלת המוסדות הקדושים, סיי פאַר דער הנהלה רוחניות וואס האט ארגאניזירט די אסיפה, און סיי פאר דער הנהלה גשמיות וואָס האָט זיך צוגעשטעלט אַזוי געטריי מיט אַלע קאָסטן אַהערצושטעלן די אסיפה אויפ'ן שענסטן און מסודר'דיגסטן אופן.

צוליב די אויסטערלישע נאָכפראַגע פון אַלע זייטן, דורך נשים צדקניות וועלכע האָבן אויסגעדרוקט זייער באַגער נאָכאַמאָל איבערצוהערן די וואַרימע און גייסטרייכע דרשות, אַזוי אויך דורך מאַמעס וועלכע האָבן צוליב סיבות געווען געצווינגען צו פאַרפאַסן אַזאַ דערהויבענע אָוונט, האָט די הנהלת הישיבה ערמעגליכט אַז מ'קען הערן די רעקאָרדירונגען אויף אַ ספּעציעלע טעלעפאָן ליניע, 845-604-9292 #7, יעדן טאָג צווישן 10 אינדערפרי און 3 נאָכמיטאָג.

ס'איז קיין ספק נישט אַז די אסיפה מיט איר הייליגע אַטמאָספערע האָט - פּונקט ווי דאָ ביי אונז אין שטאָט קרית יואל - אויך געמאַכט אַ רעש און א טומל דאָרט אויבן אין הימל! אַצינד קוקט מען אַרויס מיט אַ האָפענונג צום רבוש"ע, אַז פון דער פאַרזאַמלונג, ווען אַזויפיל טויזנטער אידישע מאַמעס האָבן זיך געשטאַרקט מיט זייער נצחיות'דיגע פליכט צו מחנך זיין דורות נאמנים להשי"ת, זאָל טאַקע אַראָפּברענגען אַלע ליכטיגע השפּעות טובות, עס זאָל זיין בזכות נשים צדקניות נגאלו, מ'זאָל בקרוב זוכה זיין צו מקבל זיין משיח צדקינו, מיט ערליכע דורות מיט וועלכע מיר וועלן אי"ה קענען שטאָלצירן און קעגנגיין אונזערע אבות הקדושים און רבינו הקדוש זי"ע, בביאת גואל צדק ומלכינו בראשינו, במהרה בימינו אמן.

**אן אָוונט אָנגעפולט מיט חיזוק און אינספּיראַציע, צו פלעכטן ווייטער מיט שטאָלץ לויטערע אידישע שטיבער און הייליגע דורות!**



**צוליב די אויסטערלישע נאָכפראַגע דורך נשים צדקניות וועלכע האָבן אויסגעדרוקט זייער באַגער נאָכאַמאָל איבערצוהערן די וואַרימע און גייסטרייכע דרשות האָט די הנהלה ערמעגליכט אַז מ'קען הערן די רעקאָרדירונגען אויף אַ ספּעציעלע טעלעפאָן ליניע:**

**845-604-9292 #7**

**יעדן טאָג צווישן 10 אינדערפרי און 3 נאָכמיטאָג**

על
כפים
ישאונך
KAPAYIM

# כלל ישראל לייגט צו א פלייצע ארויסצוהעלפן "כפים" למען חולי ישראל און זייערע משפחות

## קומענדיגן מיטוואך און דאנערשטאג תצוה

### כלל ישראל גרייט זיך אנצורופן ווארעם, צו זיכערמאכן אז "כפים" קען ווייטער אנגיין מיט די הייליגע ארבעט!

דורכאויס די לעצטע יארן איז "כפים" באקאנט געווארן אלס 'דער ארגאניזאציע' וואס לייגט אונטער א פלייצע פאר שטיבער וואס מוטשענען זיך ליידער מיט א חולה ל"ע.

ווען איינער אין שטוב ווערט ליידער נישט געזונט, ווערט דאס געפילט ווערן אין די גאנצע שטוב. סיי אין א פאל וואס איינער פון די עלטערן זענען ליידער נישט געזונט ל"ע, און סיי אין א פאל וואס איינער פון די קינדערלעך מוטשעט זיך ה"י. עס איז דאן ממש אוממעגליך פאר די אפגעמוטשעטע עלטערן צו טון די טעגליכע ווירטשאפט פונעם שטוב. אנשטאט קאכן, באקן, רוימען, זיך אפגעבן מיט די קינדער און נאך צענדליגער זאכן וואס עלטערן טוען טעגליך, ווערן זיי פארנומען ארומצולויפן פון איין שפיטאל צום צווייטן, זיך טרעפן מיט אן א שיעור דאקטוירים, דורכגיין צאללאזע טעסטס, און אריבערגיין פיינפולע באהאנדלונגען.

די איבריגע קינדערלעך זענען אבער גארנישט שולדיג, זיי דארפן ווייטער איינער וואס זאל זיי סערווירן נאכטמאל. זיי ווארטן אז איינער זאל מיט זיי טון די היים-ארבעט, און זיי אנגרייטן פרישע וועש. די זאכן וואס מיר נעמען אן לייכט, ווי עס זאל ווען זיין א נאטורליכע זאך, קען ממש רואינירן א שטוב ווען עס פעלט. די קינדער קוקן ארויס אז איינער זאל זיי אנקוקן, און די עלטערן וויינען נעבעך אויף זייערע "געזונטע" קינדער וואס מאכן אזויפיל מיט.

דא איז וואו "כפים" קומט צו גיין. "כפים" קומט און נעמט איבער די ווירטשאפט אין שטוב, און מאכט זיכער אז דער שטוב פארט ווייטער, אז ביז די קינדער באקומען צוריק זייערע עלטערן מיט'ן איבערשטנ'ס הילף, זאלן זיי ווייטער קענען אנגיין מיט'ן טאג טעגליכן לעבן.

"כפים" וועט אראפגיין צו זייער שטוב און קאכן פאר די קינדער, זיי וועלן אויפרוימען די שטוב, זיי וועלן וואשן די וועש און ארויסטראגן די מיסט זעקלעך. אלעס וואס דארף געטון ווערן אין א שטוב וועלן זיי זיכער מאכן אז עס ווערט געטון. זיי וועלן טוישן די בעט געוואנט, העלפן מיט היים-ארבעט, רופן א קאר סערוויס ווען איינער דארף גיין ערגעץ, אפילו אנגרייטן 23 קאפ-קעיקס פאר'ן סיום אין חדר, און אזוי ווייטער.

יעדע משפחה האט זיך זייערע געברויכן, און "כפים" מאכט זיכער אז יעדער באקומט די הילף וואס זיי דארפן. ווי איינער פון די עלטערן האט זיך אמאל אויסגעדרוקט: "נאך פאר איך ווייס וואס צו בעטן, שטעלט מיר דאס 'כפים' שוין צו"...

"כפים" שטעלט זיך אבער נישט אפ דארט. "כפים" וועט אראפשיקן וואלונטירן אין שפיטאל צו זיצן נעבן דעם חולה. זיי וועלן קומען מיט שפילצייג, געימס, מעשה ביכלעך און וואס זיי קענען נאר, ארויסצונעמען דעם חולה פון זיין מצב. זיי וועלן דארט פארברענגען און זיי מאכן פארגעסן פון דעם מצב אין וואס זיי געפינען זיך.

זיי וועלן זיך איינטיילן אין 'שיפטס' צו קענען פארברענגען דארט ווי לענגער, אזוי אז די אפגעמאטערטע עלטערן זאלן דערווייל קענען אהיימגיין זיך אפרוען אביסל און אנשעפן פרישע כוחות, און אויך זיך קענען אפגעבן מיט די אנדערע קינדער אין שטוב. איבער צוויי הונדערט "כפים" וואלונטירן גייען ארום




אין די שפיטעלער צו משמח זיין אידישע קינדער.

אויסערדעם ווערן טויזנטער פעקלעך ארומגעשיקט צו די בעטן פון הונדערטער אידן. די פעקלעך, וואס זענען פול מיט פארשידענע אקטיוויטעטן און שפילצייג, העלפט אוועקנעמען זייער לאנגווייליגקייט ווען זיי ליגן ארומגענומען מיט מאשינען. גאר אסאך קאפ ווערט אריינגעלייגט אין די פעקלעך זיכער צו מאכן אז עס איז כסדר דא פרישע זאכן און אינטערעסאנטע אקטיוויטעטן.

באזונדער ווערן די "כפים לאקאציעס" אויסגערימט ביי אלע וואס האבן שוין ליידער געדארפט צוקומען דערצו.

"כפים" פארמאגט הייזער אין בארא פארק, וויליאמסבורג, מאנסי און לעיקוואוד. די הייזער זענען אויסשטאפירט מיט אן א צאל שפילצייג, געימס, אקטיוויטעטן פאר קינדער, ביכלעך און וואס נישט. ווען א "כפים" וואלונטיר קומט אראפ אין א שטוב און זעט אז איינער פון די קינדער דארף זיך אביסל אויסטשוכענען, ווייסן זיי אז זיי האבן וואו צו גיין. זיי וועלן אהיננעמען דאס קינד - אדער קינדער - און מיט זיי פארברענגען און געשמאק צוריקברענגען דעם שמייכל אויפ'ן פנים.

אין דעם הויז איז דא א דעזיגנירטע פלאץ וואו מען קען טון היימארבעט, און א פלאץ וואו די קינדער קענען לערנען פריוואט, און זיי קענען דארט באקומען זייערע נויטיגע טעראפי, אלעס אין א געשמאקע היימישע אטמאספערע. אין די צענטערן איז אויך דא א 'מתמידים' פאר די עלטערע קינדער איינמאל א וואך, און אזוי אויך א פראגראם פאר מיידלעך יעדע צווייטע וואך.

דאס ארט ווערט באנוצט סיי דורך קינדערלעך וואס מאכן אליינס מיט ל"ע, און אזוי אויך דורך זייערע געשוויסטער וואס מאכן מיט גייסטיש צוליב דער מצב אין שטוב. דאס הויז איז צוטיילט, יעדע ווינקל איז אנדערש דעקארירט לויט אנדערע יארגענג, אז יעדעס קינד זאל דארט קענען הנאה האבן. עס ווערט כסדר פריש דעקארירט לויט די פרשה אדער יום טוב וואס קומט יעצט, און די קינדער קענען קוים ווארטן צו קומען און זען וואס עס טוט זיך יעצט דארט.

"כפים" פארשטייט אז די קינדער קוקן אן דאס פלאץ ווי זייער צווייטע הויז, און יעדע נאכט וועלן אראפקומען וואלונטירן און רוימען און שיין מסדר זיין דאס פלאץ, אז ווען די קינדער קומען מארגן האבן זיי ווידער א ציכטיגע פלאץ צו קענען פארברענגען מיט א קלארע קאפ אין א שיינע אטמאספערע.

זעלבסטפארשטענדליך אז אזא אפעראציע קאסט אפ א הון תועפות. עס איז אוממעגליך אליין אנצוגיין, מיר מוזן צוקומען צו אייער הילף! מיר דארפן אז אידן זאלן צולייגן א פלייצע, אז מיר זאלן ווייטער קענען אנגיין מיט די הייליגע ארבעט. און ברוך השם, אידן זענען רחמנים בני רחמנים, אידישע קינדער ווילן און וועלן ארויסהעלפן זייערע ברידער וואס גייען אדורך אזויפיל.

כלל ישראל וועט דעם קומענדיגן מיטוואך און דאנערשטאג תצוה ווייזן פאר די אלע משפחות אז זיי זענען נישט אליינס אויפ'ן וואסער, און העלפן "כפים" דערגרייכן די נויטיגע סכומים צו קענען דעקן זייער ריזיגע בודזשעט, און אין דעם זכות וועט דער אויבערשטער זאגן פאר אלע תומכים "אם אתה משמח את שלי אני משמח את שלך", און אך טוב וחסד וועט אייך באגלייטן און איר וועט זען השפעות עד בלי די!




# דבי מדרשא

הכל הולך אחר החיתום:

# אריינטרעטענדיג אין ר"ח אדר א' לעצטע דריטל פון זמן החורף תשפ"ד שטייגט די יגיעת והתמדת התורה ביי די הונדערטער לומדים מסיים צו זיין און קונה זיין די מקצועות פון גאנצן זמן

**הילכיגער קול תורה וואס שטורעמט טעגליך בבי מדרשא שטייגט העכער טראץ שטייענדיג נענטער ביים ענדע פון זמן און הונדערטער לומדים גרייטן זיך צו די בחינות במסגרת חבורת ברנה יקצורו**

ראשי חבורת "ברנה יקצורו" גרייטן צו סדרי בחינות מיט ספעציעלע תשלומין בעז"ה - פרטים וועט באזונדער געמאלדן ווערן בבי מדרשא

## געהויבענער חבורה "חבורת תלמודו מתקיים-לפנצ"ה" איז מסיים סדר חזרה אויף גאנץ או"ח ח"א; הייבן אהן מחיל אל חיל חזרה אויף 'הלכות שבת'

### קומענדיגן זונטאג תצוה הבעל"ט סעודת סיום בראשות הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

בארימטע "חבורת תלמודו מתקיים-זכרון אליעזר אבא ודינה רחל" פון געהויבענע קבוצה תלמידי חכמים מופלגים וואס זענען זיך משלים בד' חלקי שו"ע שטייט אין שפיץ פון געטרייע ראש החבורה הרב הגאון רבי אברהם אלימלך ווייס שליט"א און באשיינען דעם גאנצן כולל מיט זייער יגיעה און עמל התורה

להעביר את רוע הגזירה:

## פייערדיגער 'מנין תהלים' יעדן מאנטאג דורך צענדליגער חברי הכולל וואס זענען מתפלל און מרעיש עולמות למען ביטול גזירת חינוך דורותינו

קביעות'דיגער מנין תהלים איז מסיים וועכענטליך גאנץ ספר רביעי שבתהלים און י"ג מידות של רחמים - אויפן רוף פון מנהיג העדה כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א והרבנים הגאוה"צ שליט"א מעתיר צו זיין בתפלה ובתחנונים לביטול הגזירה












חזרו ויסדום - הכל בתר רישא גריר:

# גורלות פאר די וואס זענען זיך קובע 'ערשטע שעה' פון סדר לימוד צו לערנען ברציפות ווערט צוריק נתחדש ביזן ענדע פון זמן

## ספעציעלע מתן שכרה בצידה פראיעקט ווערט צוריק נתחדש דורך נדבן הרוצה בעילום שמו

גיט חיזוק ועידוד פאר לומדי התורה זיך קובע צו זיין תיכף אין די ערשטע שעה פון סדר הלימוד
און שטעלט אוועק די צורת הביהמ"ד תיכף אנהויב סדר מיט צענדליגער לומדים בהתמדה

## גרויסארטיגע "בחינה גדולה" אויף דיני בנין וסתירה בכלים פאר לומדי חבורות הל' שבת ח"א זכרון אביגדור שלום פארלאפענעם זונטאג תרומה העעל"ט

בראשות ראה"ח הרה"ג ר' חיים יחזקאל קאהן שליט"א

**נאך חזרה אויף סימני שי"ג, שי"ד, שט"ו אין די לעצטערע וואכן ווי די חברי החבורה האבן זיך מייגע געווען צו זיין גרייט צו די בחינה גדולה, און קונה זיין די וויכטיגע הלכות**

## רייכע קונטרס ערשינען 'בירור בדיני עיקר וטפל באוכלין' צו די הנאה פון הונדערטער לומדי הכולל חובשי בי מדרשא

**פרי עמלו פון הרה"ג ר' שלום אליעזר עמרם גראס שליט"א, מחברי חבורת תלמודו מתקיים**

קונטרס איז הערליך מברר די גאר וויכטיגע און נוגע'דיגע הלכות פון עיקר וטפל באוכלין, דבר דבר על אופניו, מיט א ברירות ובהירות ביז הלכה למעשה








# שהשמחה במעונם

בשמחה ובטוב לבב הננו
מברכים ברכת מזלא
טבא למע"כ חו"ר כוללינו
לרגל שהשמחה במעונם

### הולדת הבן

הרה"ג רבי **יצחק יודא שווארץ** שליט"א
**ראש החבורות**
בן הרב **אביגדור שמשון** שליט"א - חתן ר' **חיים פריינד** הי"ו

מוה"ר **יצחק יושע דאסקאל** הי"ו
בן הרב **משה מנחם** שליט"א - חתן הרב **יואל בר"נ אבראהאם** שליט"א

מוה"ר **דוד מאיר שטיינפעלד** הי"ו
ב"ר **יצחק מנשה** הי"ו - חתן ר' **איתמר טובי' ווידער** הי"ו

### הולדת הבת

מוה"ר **משה יאקאבאוויטש** הי"ו
בן הרב **שלמה יקותיאל יאקאבאוויטש** שליט"א - חתן הרב **יואל ליפשיץ** שליט"א

מוה"ר **שלמה אהרן גראס** הי"ו
ב"ר **יוסף ישעי'** הי"ו - חתן ר' **יודא בעריש לויפער** הי"ו

הר"ר **יושע קאהן** שליט"א
ב"ר **יעקב יודא** ע"ה - חתן ר' **יוסף חיים קרויס** הי"ו

### הכנסת בניהם לעוהתו"מ

הרה"ג רבי **שבתי קאהן** שליט"א
**מו"ץ בקהלתינו הק'**
ב"ר **קלמן** הי"ו - חתן ר' **אהרן אליעזר גרינהוט** הי"ו
בנו הב' **נפתלי** ני"ו

שובו בנים שובבי"ם — הבערה ללהב יצאת:

# פייערדיגע "דרשות התעוררות" פונעם מלהיב לבבות ישראל כ"ק גאב"ד יאוואשנא שליט"א פלאמט אויף די הערצער פון תלמידי ישיבה גדולה ד'סאטמאר צו תורה, תפלה, אמונה, תשובה, ותיקון המעשים

## פייערדיגע דרשה פארגעקומען אינעם צענטראלן "היכל דברי יואל" פאר אלע תלמידי הישיבה פון אלע חלקים פארלאפענעם מיטוואך בא

**הקריאה מעורר: הנהלת הישיבה לאָזט אָפדרוקן די דרשה הנשגבה פאַר די תלמידים זיך צו קענען מחזק זיין מיט די לעבעדיגע דיבורים לאורך ימים**

בין כותלי הישיבה. - דעם פארלאפענעם מיטוואך בא, אינעם סאמע ברען פון די ימי השובבי"ם, האט אויפגעטרעטן מיט א פייערדיגע דרשה דער גרויסער מלהיב לבבות ישראל לאבינו שבשמים, המאור הגדול כ"ק מרן הגה"צ גאב"ד יאוואזשנא שליט"א, וועמען די הנהלת הישיבה האָט געלאָזט לאַדענען בכבוד הראוי אויפצופלאַמען טייערע תלמידים איבער די גרויסקייט פון די הייליגע שובבי"ם טעג, ולדעת את המעשה אשר יעשון.

ווי באקאנט, אין צוגאב צו די כסדר'דיגע דרשות פון די מנהלים רוחניים און די רמ"י הישיבה, טוט די הנהלת הישיבה כסדר אראפרופן חשוב'ע בעלי דרשנים ומשפיעים, צו משמיע זיין דברי השקפה וחיזוק, וואָס יעדער לויט זיין אייגנארטיגן מהלך, טוט משפיע זיין אויף די תלמידים אהבת תורה ויראת שמים, אַ "ווארעמקייט" און קאָך צו אידישקייט.

אצינד, שטייענדיג בעפאָר דעם גרויסן "יום הרצופות" וואס האט פארוואנדלט די גאנצע בית אולפנא רבתי אין איין קנויל פון לימוד התורה, ביגיעה עצומה, האבן די מנהלי הישיבה פארבעטן דעם יאוואזשנער רב שליט"א, צו קומען אויפפלאַמען די הערצער פון די תלמידים לתשובה ולתיקון המעשים ולהתמדה בתורה.

די גאנצע ישיבה, די למעלה מאלף תלמידיה זענען געווען פארזאמעלט אינעם צענטראלן ביהמ"ד האדיר "היכל דברי יואל", מיט א יראת הכבוד און אַ הייליגער רצון צו הערן און מקבל זיין די דיבורים נשגבים פון האי פום ממלל רברבין, אן עמוד האש פאר אזויפיל אידישע קינדער, וואס איז משפיע יראת ה' טהורה אויף אלפים מישראל בדרך הסלולה לנו מדור דור, כאשר קיבל בבית מדרשו של אבינו רועינו רבינו הקדוש זי"ע.

דער רב שליט"א האט אנגעהויבן איבער די וויכטיגקייט פון הערן מוסר, און לערנען מוסר, וואס איז מדריך דעם מענטש את הדרך אשר ילכו ואת המעשה אשר יעשון, איבער די גרויסקייט פון די ימים הנשגבים ימי השובבי"ם ת"ת וואס איז קריאה מעורר הזמן אין די יעצטיגע פרשת פון מברר זיין ניצוצין און יציאת מצרים לקחת לו גוי מקרב גוי, וואס יעדער בחור קען - און דארף - זיך אנכאפן אין דעם געלעגנהייט.

עקסטער האט דער רב שליט"א באטאנט, ווי קריטיש וויכטיג עס איז צו אויסנוצן די יאר אלץ בחור, "ווער ווייסט צי ער וועט נאך האבן אלס בחור א שובבי"ם ת"ת", מ'דארף אריינכאפן די גאלדענע צייט, אויסנוצן די פארבליבענע רגעים וואס ברענען אזוי שטארק, מיט א שלימות און גאנצקייט.

דער רב שליט"א האָט מעומק לבבו גערעדט צו די תלמידים איבער דעם געשמאַק און לעבעדיגקייט פון דער תורה הקדושה.

"דער חיוב פון ליגן אין לערנען אפילו - און דוקא - ווען עס קומט אן שווער, מען דארף זיך רייסן דעם גוף, צוזעצן דעם חומר און אויסגליען די נשמה פון אלע פגמים, וואס דאס קומט נאר דורך עמל התורה, תורה שיינט אריין קדושה וטהרה אין א איד'ס נפש, און צום סוף וועט עס ווערן געשמאק, עס וועט ווערן א בא'טעמ'טע שמועס, "נשיח" בחוקיך ונשמח בדברי תלמוד תורתיך!"

און פארשטייט זיך אז אן תפילה גייט נישט גארנישט, די גרויסקייט פון עבודה שבלב, ברחמים ותחנונים לפני המקום, אזוי ווי מ'זעט אין מצרים איינמאל און נאכאמאל די זעלבע זאך, ונצעק אל ה' אלקי אבותינו, ויזעקו ותעל שועתם אל האלקים, את זעקתם שמעתי מפני נוגשיו, נאר דורך די הארציגע בכיות פון די צושאסענע לבבות נשברות פון כלל ישראל אין יענעם חשכות'דיגן זמן, נאר דורך תפילות לפני הקב"ה איז מען צוגעקומען צו מברר זיין די ניצוצין און אנקומען צו קבלת התורה, די העכסטע מדריגות וואס איז שייך צו דערגרייכן.

דער רב שליט"א האט מעורר געווען מ'זאל מאכן גדרים וסייגים, און דערמאנט די בכיות נוראות וואס רבינו הקוה"ט זי"ע האט געוויינט און פארגאסן די הייסע קאכעדיגע נחלי דמעות אין די טעג פון שובבי"ם, וואס האט צונומען א יעדן איד'ס הארץ און זיך געבעטן פאר תשובה ותיקון המעשים, לתקן את נפשותינו מכל סיג ופגם ולטהרנו ולקדשנו.

באַזונדער האָט דער גרויסער מלהיב לבבות באַטאָנט די גאר שטארקע זהירות יתירה וואס מען דארף האבן ביי בין אדם לחבירו וואס איז אזוי האקל, און ווי זהיר מ'דארף זיין, און עקסטער מעורר געווען אז מען זאל מאכן די מאה ברכות ווי עס באדארף צו זיין, לויבן און דאנקען דעם אויבערשטן בכל לב ונפש, מיט'ן גאנצן הארץ און נשמה על כל החסד אשר עשה עמנו, און אויסגעפירט מיט ווארימע ברכות, ובשפתי צדיקים תתברך, אז מען זאל קענען ווייטער שטייגן מעלה מעלה, זיין דבוק אין די דרכים פון רביה"ק זי"ע, קענען דינען דעם אויבערשטן מיט אן אמת.

די פייערדיגע דרשה התעוררות האט אויפגעפלאקערט די הערצער פון די תלמידי הישיבה, שעפנדיג פרישע חיזוק והתחזקות צו שטייגן ווייטער למעלה למעלה על דרך תורה ויראה.

עקסטער איז באגריסט געווארן ווי די הנהלת הישיבה האָט במיוחד, כדי ס'זאל ברענגען די שטארקסטע השפעה אויף די תלמידים, אין די נאכפאלגענדע טעג געלאָזט אַרויסגעבן א קונטרס וואס האט אנטהאלטן די גאנצע דרשה, אז די תלמידים זאלן עס קענען איבערגיין און איבער'חזר'ן, אז די דרשה זאל ברענגען די מערסטע תועלת אויפ'ן העכסטן שענסטן פארנעם וואס איז שייך, למען יעמדו ימים רבים למשמרת, זיך צו הייבן בתורה וביראת ה' טהורה לשם ולתפארת.

**דברים היוצאים מן לב טהור.**

### יום שבתון אין לשכוח זכרו כריח הניחוח:

# רישומא קדישא איינגעקריצט בלבבות תלמידי שיעור ד', נאכ'ן מיטלעבן התרוממות'דיגער שבת קודש, בראשות המשפיע הגה"צ רבי דוד הירשלער שליט"א

**יום קדוש הוא מבואו ועד צאתו:**

**געהויבענער יום שבתון אין לשכוח, מבואו ועד צאתו, איז געווען איין שטיק התרוממות, התעלות, און דערהויבנקייט, פונעם הכנה בערש"ק ביזן באגלייטן דעם שבת המלכה במוצאי מנוחה, דערהויבענע תפילות, ליכטיגע סעודות שבת, התעוררות'דיגע רעוא דרעוין, באגלייט מיט זמירות ניגוני ושירי קודש**

עונג קרא ליום השבת: אלעם געווען צוגעשטעלט מיט ברייטע הרחבה - הונדערטער סידורים מערכת לשולחן - תענוג רוחני און ליכטיגקייט פונעם געהויבענעם שב"ק איז געשפרעך פון טאג צווישן די תלמידים און זייערע חשוב'ע עלטערן שיחי'

**אילן אילן במה אברכך, פירותיך מתוקים וצלך נאה:**

# תלמידי המתיבתא הקדושה לעבן מיט התרוממות'דיגע מאמענטן ביים געהויבענעם "שולחן הטהור" פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א ריש מתיבתא קדישא ביום חמשה עשר בשבט

## דערהויבענע עריכות שולחן הטהור איז פארגעקומען אינעם ריזן היכל "אחים וויינשטאק" שע"י ישיבתינו הק', וואו די למעלה מאלף תלמידי הישיבה פון אלע חלקים און יארגענג זענען געווען פארזאמלט, און מיטגעלעבט לעכטיגע מאמענטן בצילא דמהימנותא עילאה פון עטרת ראשנו כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**וואַרימע דברות קודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א לעורר לבבות התלמידים צו "חזר'ן די לימודים" און קונה זיין אלע מסכתות וואָס מ'לערנט במשך די ימי הבחרות ס'זאָל פאַרבלייבן איינגעקריצט אַלס קנין עולם אין די הערצער**

בין כותלי הישיבה. - דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג בשלח, יום חמשה עשר בשבט האבן די למעלה מאלף תלמידי בית אולפנא רבתי, זוכה געווען צו מיטלעבן לעכטיגע התרוממות'דיגע מאמענטן, ביים געהויבענעם שולחן הטהור פון ריש מתיבתא קדישא עטרת תפארת ראשינו כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.

אום 2:30 איז פארענדיגט געווארן דער סדר הלימוד פון פאַרמיטאָג, אַ שובבי"ם'דיגער פאַרמיטאָג, און אלע תלמידים זענען אריין אינעם ריזן חדר האוכל שע"י ישיבתינו הק', וואס איז געווען אויסגעשטעלט מיט גענוג פלעצער צו קענען אקאמאדירן אלע תלמידי הישיבה אויפאיינמאל. עס איז געווען פראַכטפול שיין אָנגעגרייט אַ סעודה מיט אַן אויג-פארכאפנדער מלכות'דיגער פרוכט-טאַץ לכבוד היום.

אום 2:50 האט א חדרת קודש ארומגענומען די תלמידים ווען עטרת תפארת ראשינו הוד כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א איז ערשינען בהדרת כבודו, אין באגלייטונג פון די מנהלי הישיבה שליט"א. רבינו שליט"א האט זיך געוואשן, און די תלמידים האבן געזינגען ווארימע התעוררות'דיגע ניגוני דביקות מבית מדרשו של רבי, אזוי אויך לעבעדיגע מאַרשן און וואַלצן.

ובכן מה נהדר הי' המראה, עס איז געווען אַ הערליך בילד, ווי די למעלה מאלף נכנסין, בחורי חמד, תלמידים נאמנים הקרויים בנים, אין שפיץ פון די חשוב'ע רמ"י הישיבה גאונים מפורסמים שליט"א, זיצן כשתילי זיתים סביב לשולחנו פון רבם ומאורם כ"ק מרן רבינו עטרת ראשינו שליט"א, ביים געהויבענעם פירות-טיש לכבוד ראש השנה לאילנות, אָפּשפּיגלענדיג פון זיך אַליין דעם "פירותיך מתוקין וצלך נאה".

דער חלק הנגינה איז געווען אַן ערשטמאליגער חידוש נפלא לטובת התלמידים, אז עס איז געווארן געפירט דורכ'ן עסקן בה' הידועה, נמרץ לכל קדשי קהילתנו הק' הרב ר' אייזיק דאסקאל שליט"א, וואס האט מיט א חבורה פון טאלאנטפולע בחורים משוררי ישיבתנו הק' אנגעהויבן די ניגונים, מיט א פאָראויס באשטימטן סדר וואס האט צוגעגעבן צום רייכן שלימות פונעם מעמד המרומם.

צווישן די ניגונים האט רבינו שליט"א געוואונטשן לחיים וברכתיו הטהורות פאר די טייערע תלמידים חביבים, אז די השפעות פונעם טאג זאל משפיע זיין פאר יעדן איינעם, און קענען שואב דאס מערסטע וואס שייך.

עס האט אויפגעטרעטן מיט א וואונדערליכע דרשה נפלאה דער מנה"ר ח"ג הרה"ג ר' ירוחם דייטש שליט"א וואס האט מיט פאסיגע דיבורים אריינגעפירט אינעם התרוממות'דיגן מעמד המרומם, און דאן האט יעדער זיך צוגעגרייט ועשו אזניהם כאפרכסת צו הערן די דברות קודש פונעם ריש מתיבתא קדישא.

דער רבי שליט"א האָט נאָכגעברענגט פון ספרים וסופרים איבער דעם, 'כי האדם עץ השדה', מ'דאַרף כסדר מוציא פירות זיין מיט א פרישקייט.

רבינו שליט"א האט נאכגעזאגט דעם חת"ס וואס טייטשט בורא נפשות רבות "וחסרונן" ברוך חי העולמים, אז דורך חסרונות וואס א מענטש האט, כאפט ער זיך אז די טובות וואס ער האט יא קומט פונעם איבערשטן און ער איז מחויב להודות ולהלל בכל לב ונפש על כל החסד אשר עשה עמנו.

אבער - האט רבינו שליט"א באטאנט - אז אויב מען האט א הרגל צו לויבן און דאנקען להשי"ת, דאן פעלט נישט אויס צו האבן חסרונות, ווייל ער האלט דאך שוין ביים ציל, ביים תכלית, פון הודאה לה', דערמיט האט די רבי הערליך פארטייטשט די מחלוקת פון די בית שמאי און בית הלל ווען ראש השנה לאילנות איז, מיט אט די הערליכע יסודות'דיגע בחינה, שכן חובת כל היצרים להודות ולהלל.

דאן האָט רבינו שליט"א אָנגעוואונטשן וואַרימע דברי ברכה פאר די תלמידים און פאר די חשוב'ע מגידי שיעור ומנהלים שליט"א אַז זיי זאָלן זוכה ווייטער צו קענען מרביץ תורה זיין און לערנען אויפ'ן דרך הישר והמסורה, יעדער תלמיד זאָל קענען לערנען און חזר'ן און קונה זיין די לימודים, געדענקען די תורה הקדושה; יעדער זאָל שטייגן און אויסוואַקסן "לאילנא רברבא" און אָנקומען צום תכלית הנרצה בקדושה ובטהרה, און דערנאָך אויפשטעלן בתים נאמנים בישראל, מיט פירות טובות ומתוקים.

נאכן דברות קודש האט רבינו שליט"א טועם געווען פון די פירות לכבוד היום, און די גבאים האבן מיט א פונקטליכן געניטן סדר פארטיילט די שיריים פאר די למעלה מאלף תלמידי הישיבה גדולה, און זיכער געמאכט אז עס זאל אנקומען צו יעדן איינעם.

באזונדער האבן די משוררים תלמידי ישיבתנו הק' געהאט די זכיה צו מקבל זיין מידיו הקדושות פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א שיריים פון די פירות, ובמיוחד געוואונטשן פאר הרב אייזיק דאסקאל שליט"א און פאר הב' טובי' בלייער ני"ו וואס האט צוגעהאלפן פאר'ן הצלחת המעמד. אום 5:00 האט רבינו שליט"א מכבד געווען דעם מנהל הרב הגאון המפורסם ר' נחמן שטויבער שליט"א מיט ברכת המזון, שליסנדיג צוויי שעה פון התרוממות הנפש, תענוג רוחני וחיות דקדישא פאר די תלמידי הישיבה.

תיכף דערנאך איז מען אריין אין ביהמ"ד הגדול היכל דברי יואל, צום התעוררות'דיגן תפילת מנחה בראשות כ"ק מרן רבינו שליט"א, בעל תפילה איז געווען הב' לוי יצחק פעקעטע נ"י גבאי דישיבתנו הק'. דערנאך האט מען זיך צוריק אריינגעזעצט אין ביהמ"ד לערנען, מיט אַ פרישקייט און התחדשות, זייענדיג אונטער'ן איינדרוק פון די וואַרימע דברות קודש, וואָס האָבן איבערגעלאָזט די תלמידים אונטער אַ געהויבענעם רושם, ווען יעדער האָט זיך פאָרגענומען קבלות טובות, זיך צו שטאַרקן און מוסיף זיין בלימוד התורה מיט התמדה ובעבודת ה' צו האָבן די זכי' צו זיין באמת פאַררופן אלס גליקליכע תלמידים פון דער הייליגער "ישיבה של רבי".

**אילן אילן במה אברכך - יהי רצון שכל נטיעות שנוטעין ממך יהיו כמותך!**



### לאמיר אריינבליקן אין דעם ענין

# איז סעודת 'שלישי למילה' א חיוב?

## און אויב נישט וואס איז דאס יא?

### דער מקור פון שלישי למילה און די חשיבות דערפון

די ערשטע מקור וואו מיר זעהן דעם ענין פון 'שלישי למילה' איז אין די הייליגע תורה אין פרשת וירא, ווי דער פסוק זאגט "וירא אליו ה' באלוני ממרא" - דער רבונו של עולם האט זיך באוויזן צו אברהם אבינו נאכדעם וואס ער האט געטוהן דעם רצון ה' און מקיים געווען מצוות ברית מילה, און ווי רש"י ברענגט אראפ אויפ'ן פלאץ פון רבי חמא בר' חנינא, איז עס געווען דער דריטער טאג פונעם ברית, 'יום שלישי למילתו', ווען הקב"ה איז געקומען אים באזוכן און פרעגן וואס ער מאכט. שפעטער דערציילט אונז די תורה איבער די סעודה וואס אברהם אבינו האט נאכדעם צוגעשטעלט פאר די מלאכים.

דער מקור צו די ווערטער פון רש"י איז די גמרא אין מסכת בבא מציעא (דף פו:) וואו עס שטייט אז עס איז געווען דער דריטער טאג נאכ'ן ברית מילה האט הקב"ה ארויסגענומען די זון פון איר האלטער כדי נישט מטריח צו זיין אברהם אבינו מיט'ן עסק פון הכנסת אורחים אינעם יום שלישי למילה.

מיר זעהן דערפון אז די סעודה פון שלישי למילה איז נאך פארגעקומען ביים סאמע ערשטן ברית מילה, און הקב"ה בכבודו כביכול האט זיך דארט משתתף געווען.

פאלגענד וועלן מיר אראפברענגען מקורות און טעמים אין די גרויסקייט פון די נושא, לאמיר כאפן א בליק אין ספר הנהגת מהרש"ל וואס איז נתחבר געווארן דורך דער גרויסער תלמיד פון מהרש"ל, וואס איז באקאנט אלס דער מטה משה, וואס ווערט כסדר אראפגעברענגט אין מגן אברהם, וואס שרייבט (אות נ):

'מיין רבי דער מהרש"ל האט געזאגט, אז ס'איז גרעסער די סעודה של מצוה פון שלישי למילה, פון דעם יום המילה אליינס, ווייל סעודת שלישי למילה שטייט ארויס קלאר אין די תורה, אז אברהם האט געמאכט א סעודה, ווידער די יום המילה לערנט מען ארויס דורך א לימוד, ווי עס שטייט אין פסוק (בראשית כא ח) 'ויעש אברהם משתה גדול ביום הגמל את יצחק', און מען דרש'נט ביום ה' ג' מל, און אזוי האט ער געהערט פון זיין שווער רבי קלונימוס'.

און אין ספר טעמי המנהגים זעהט מען נאך שטארקער, ער ברעגט צו די מימרא פונעם הייליגן מהרש"ל פון ספר נגיד ומצוה מיט א לשון 'חיוב'!

וז"ל: דער מהרש"ל האט געזאגט אין נאמען פון זיין זיידן, אז עס איז א גרעסערע 'חיוב' צו מאכן א סעודת שלישי למילה, ווי א סעודת ברית מילה, ווייל אויף די סעודת ברית איז נאר דא א רמז אין די תורה, ווידער די סעודה פון שלישי למילה, שטייט ארויס בפירוש אין די תורה, ווי אברהם אבינו האט געמאכט א גרויסע סעודה פאר די מלאכים, אינעם דריטן טאג פון זיין ברית מילה'.

עס כאפט התפעלות צו זעהן אזעלכע מורא'דיגע ווערטער, און דער אמת איז אז אפי' אין די מקומות וואס עס איז נישט אנגענומען געווארן אלץ א חיוב זעהט מען אויך מורא'דיגע דיבורים בנוגע דעם טאג ווי מיר וועל דא אראפברענגען ווערטער פון הייליגע צדיקים שרפי מעלה אבותינו ורבותינו הקדושים:

אין ספר דרך פקודיך פון הייליגן 'בני יששכר' שרייבט ער אז אין פיל מקומות איז דא וואס זענען 'מדקדק' צו מאכן א סעודה אויך אינעם דריטן טאג פון די מילה, און דאס האט א סמך, פון די סעודה וואס אברהם אבינו האט געמאכט פאר די מלאכים, וואס ס'איז דאן געווען דער דריטער טאג פון זיין מילה.

אזוי אויך איז באקאנט אז הגה"ק דער חידושי הרי"ם פון גור זי"ע, האט זייער מחבב געווען דעם יום שלישי למילה, ווייל ער פלעגט זאגן אז "ביים ברית מילה פון אברהם אבינו זענען נאר געווען אבימלך, שם ועבר, אבער ביי שלישי למילה איז הקב"ה אליין בכבודו ובעצמו געקומען זיך משתתף זיין!"

און דער שפעטערדיגע גערער רבי דער בעל אמרי אמת זצ"ל האט געזאגט: ביי יעדן ברית קומט אליהו הנביא, ביי יעדע שלישי למילה קומט אברהם אבינו ע"ה. (אמרי אמת, לקוטים דף צו ד"ה בכל).

אין ספר מעשה יחיאל (פ' וירא אות יג) שטייט, אז הרה"ק רבי אליעזר מאזיפאלע זצ"ל האט געזאגט אמאל, אז אויך אינעם פסוק 'ויעש אברהם משתה גדול ביום הגמל את יצחק', וואס תוספות ברענגט דערויף דעם רמז, אז ער האט אים גע'מל'עט ביום ה"ג, וואס באטרעפט אכט, און געפראוועט דעמאלט א משתה גדול, איז אויך מרומז די סעודת שלישי למילה, 'ביום הג' - מל'.

אין ספר מנהגי קומרנא ק"י שטייט, אז אין קאמארנא האט מען זיך נוהג צו מאכן א סעודה פאר שלישי למילה, און אין ספר 'מנהגי וורמייזא' פון רבי יוזפא שמש (ח"ב אות רמג) ווערט געברענגט א מנהג איבער סעודת שלישי למילה, ווי פאלגענד: שחרית נאכ'ן ארויסגיין פון שול קומען די נשים וואשן דאס קינד, און די רעביצין שטייט אין שפיץ, דער בעל ברית מאכט א סעודה נאך חצות, און דאס ווערט גערופן 'שליש המילה'.

דער בעל שמחה רופט אליין די געלאדענטע, נישט דורכ'ן שמש, דער מנהג איז צו לאדענען דעם סנדק, דעם מוהל און טייל קרובים און שכנים. מ'פירט זיך נישט צו רופן צופיל מענטשן צו דער סעודה. מאנכע ווילן זאגן אז די סעודה האט מען איינגעפירט אויף נאך חצות אזוי ווי די סעודה וואס אברהם אבינו האט געפראוועט 'כחום היום'.

מען זעהט פון די אלע אויבנדערמאנטע מימרות פון צדיקים די גרויסע מצוה און שמחה וואס איז דא אין 'סעודת שלישי למילה' און אז אין געוויסע מקומות איז דאס געווען אנגענומען ווי א מנהג.

און עס זענען געווען גרויסע צדיקים וואס זענען געווען אויסגערופן מיט'ן פראווען אויף א גרויסן פארנעם די סעדות שלישי למילה. אין ילקוט אוהב ישראל שטייט אז ביים הייליגן אפטער רב זי"ע פלעגט עס געפראוועט ווערן מיט געוואלדיגע שמחה און מ'האט דערביי אפגעראכטן א סעודה גדולה און א טיש.

און פון הגאון בעל אבני נזר איז באקאנט אז ער האט זייער מחבב געווען די סעודת שלישי למילה (אוצר הברית פט"ו ח"ב)

אויף הרה"ק דער "בת עין" פון אווריטש זי"ע דערציילט מען, אז ער פלעגט ענדערש גיין צו א סעודת שלישי למילה ווי צו א ברית מילה. זאגנדיג אז ביי א ברית מילה קומט אליהו הנביא, און ביי שלישי למילה קומט דער באשעפער אליין, ווי מיר געפינען ביי אברהם אבינו (מזקנים אתבונן).

און הגאון רבי אברהם ראפאפארט זצ"ל, איידעם פון הרה"ק רבי שמואל סלאנימער זי"ע בעל "דברי שמואל" שרייבט אין א בריוו צו חסידים בשם זיין שווער אויף שלישי למילה:

כ'וועל זיי מודיע זיין וואס כ"ק אדמו"ר דער דברי שמואל זי"ע האט געזאגט אויף א ברית מילה, איבער דעם וואס הרה"ק בעל בת עין מאווריטש זצללה"ה איז נישט געגאנגען צו קיין סעודות ברית מילה נאר אויף סעודת שלישי למילה.

ונרננה ונשמחה בכל ימינו!

פילצאָליגע אידן וועלכע האָבן מנדב געווען אַ פרישטאָג פאר די פריוואַטע הצלחה האָבן דערביי געזעהן אויסטערלישע ישועות שלא כדרך הטבע, זעהנדיג באַשיינפערליך די אָפּטייטש פונעם פסוק שבעינו בבוקר חסדיך - אז מען זעטיגט אן אידישע קינדער, ונרננה ונשמחה בכל ימינו - פרייט מען זיך כל הימים!

גבאי בתי מדרשים וואס ווילן צושטעלן
סעודת פת שחרית פאר די מתפללי בית המדרש
אויף א טעגליכע פארנעם

נדיבי לב וואס ווילן צושטעלן א סעודה
לכבוד סיי וועלכע געלעגנהייט, ווי:

הולדת הבן והבת | שלישי למילה | בר מצוה
סעודת הודאה | סיום מסכת | אפשערן
הושע בן בארי | לעילו נשמת | שידוך שליסן
ארעמע חתונה | לברכה והצלחה | שמחה במשפחה

אדער אויב מען וויל געהאלפען ווערן מיט ישועות און רפואות
ווי עס איז מבואר אין די ספה"ק די גרויסע סגולה פון געבן עסן
פאר אידישע קינדער, 'סעדנו ואושעה' אז מען גיבט א סעודה וועט מען זעהן ישועות

רופט:
לאזט א מעסעדזש:
646-481-8186

זעהט אונזערע ארטיקלען איבער די גרויסקייט און וויכטיגקייט פון מנדב זיין סעודת פת שחרית

# תורה'דיגע התרוממות פון 'הײלענד מיללס' אומגעגנט מיט התמנות פון חשוב'ער דומ"ץ בית המדרש אהל בתי'

## הרה"ג רבי שלמה יעקב הערמאַן שליט"א נתעטר געוואָרן בנזר שיר שפּרה לו לעמוד לשרת אַלס דומ"ץ ומורה הוראה פאַר באַי בית ה'

קרית יואל. - אַ שמחת התורה האָט זיך איבערגעגאָסן צווישן תושבי שכונת "מילוועל - סערפי" אין די "הײלענד מיללס" געגנט, וועלכע זענען אין די פאַרלאָפענע טעג באַקרוינט געוואָרן מיט דעם כתר התורה מיט דער התמנות פון אַ חשוב'ער דיין ומורה צדק, הרה"ג רבי שלמה יעקב הערמאן שליט"א, וואָס איז אויפגענומען געוואָרן בנזר ההוראה אין דעם פּראַכטפולן צענטראַלן ביהמ"ד פון דער שכונה, ביהמ"ד אהל בתי' וכולל נתיבות בתי', לעמוד לשרת בשם ה'.

שוין אַ לענגערע תקופה וואָס דאָס בית המדרש "אהל בתיה" שיינט און לייכט אַלס אַ מגדל אור פאַר דער גאַנצער הערליכער מילוועל און סורפּי געגנט און אומגעגנט. דער זכות שם הביהמ"ד איז נקבע געוואָרן דורך דעם פּטרון המרומם, האי נגיד ושוע, הרבני הנגיד ר' יחזקאל דוד בערקאוויטש הי"ו לע"נ אמו ע"ה.




דער חשוב'ער פּטרון הביהמ"ד איז גלייכצייטיג אויך דער נדבן וואָס פינאַנצירט מהונו דעם באַרימטן כולל "נתיבות בתיה", ללימוד וליבון חושן משפט לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא, וואָס פונקציאָנירט בהנהלת הרב נפתלי הירצקא שמילאוויטש הי"ו, דער רוח החיים פונעם ביהמ"ד און מנהל הכולל, און ס'איז פקיע שמיה אלס א פנת יקרת פון הרבצת תורה, וואו די רבני הכולל זענען זיך ממית באהלה של תורה. ומחיל אל חיל איז אין דער לעצטער תקופה נתחדש געוואָרן דער 'כולל ערב' מיוחד לאברכים בני תורה, וואו מלערנט דורך בעיון גמרא תוס' מיט ראשונים.

אַצינד האָט מען זוכה געווען צו דעם מוסיפין והולכין בקודש, ווען דעם פאַרלאָפענעם ערש"ק לסדר 'ואלה המשפטים' האָבן די בעלי תריסין ות"ח צווישן די ווענט פון דעם כולל "נתיבות בתיה" זיך געוואונטשן לחיים צו דער התמנות פון אחד המיוחד מבני החבורה הגאון רבי שלמה יעקב הערמאן שליט"א וואָס איז געקרוינט געוואָרן בנזר ההוראה לעמוד לשרת אלס דומ"ץ הביהמ"ד.

צו דער פריידיגער געלעגנהייט האָט מען געהערט וואַרימע ווערטער פון הרה"ג רבי אשר ישעי' הכהן הערמאַן שליט"א, דער גליקליכער פאָטער פונעם דיין שליט"א, וועלכער איז אַריבערגעקומען אויפטרעטן מיט אַ שיעור בהלכה פאר די בני הכולל, ווי ס'איז איינגעפירט יעדן עש"ק אינדערפרי, ווען עס ווערט געהערט שיעורים פון חברי ורבני הכולל אדער רבנים יושבי על מדין וועלכע קומען זיך משתשע זיין בריתחא דאורייתא בענינים עמוקים בדיני ממונות.

ווירקליך איז דער נייער דיין שליט"א נישט קיין פנים חדשות אינעם ביהמ"ד און אין כולל, זייענדיג פון די ערשטע חברי הכולל, אויסערדעם וואָס ער איז שוין עטליכע מאָל אַריבערגעקומען אין די שבתות ויומי דריגלא צום ביהמ"ד כדי צו משפיע זיין מהודו, אלס פה מפיק מרגליות וידען נפלא, בנוסף צו זיין ידיעת התורה וכח ההוראה, ויראת חטאו הקודמת לחכמתו.

הוד והדר תשוה עליו! דער חשוב'ער דיין שליט"א האט זיך די טעג טאַקע קובע געווען משכנו אין די געגנט און וועט מהיום והלאה בעז"ה דינען בקביעות אינעם ביהמ"ד און אין דער שכונה אלס מורה צדק ומשפיע רוחני לשביעת נפש ורצון אנשי המקום ותושבי העיר, וועלכע וואונטשן זיך שיאריך ימים על משמרתו, און ער זאל טאקע קענען מרומם זיין קרן התורה וההוראה, לאורך ימים ושנים טובים.

# געהויבענער שבת בראשות הגה"צ אב"ד וראש ישיבה בית הילל שליט"א לאזט איבער טיפע רושם אויף תלמידים ומעריצים אין שטאָט

קרית יואל. - א הערליכע שבת איז פאריבער אין שטאָט ווען עס האָט דאָ געוויילט צו גאסט הגה"צ המפורסם רבי יעקב משה לעבאוויטש שליט"א אב"ד וראש ישיבה בית הילל, וועלכע איז נעתר געווארן לבקשת תלמידיו הנאמנים צו קומען אפרעכטן א דערהויבענעם שבת בקרב תלמידיו ומעריציו אין שטאט קרית יואל.

דער גאנצער שבת איז אָפּגעראָכטן געוואָרן מיט גרויס דערהויבנקייט אין די זאַלן פון "פילמאר גארדענס", וואו מען האָט אינאיינעם געדאווענט אלע תפילות. פרייטאג צונאכטס איז מען זיך צונויפגעקומען אויף אַ הערליכע באָטע וואו מען האָט געזינגען זמירות ותשבחות, און דער ראש הישיבה שליט"א האָט משמיע געווען דברי תורה.

שבת צופרי לפני התפלה האָט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט א הערליכע שיעור בספרי חסידות און אוהחה"ק, ווען דערנאך האט מען זיך געשטעלט דאווענען א פייערדיגע תפלת שחרית, ווען דער ראש ישיבה דינט אלס שליח ציבור ביי שחרית און הלל לכבוד ראש חודש. נאָכ'ן דאווענען איז פארגעקומען א קידושא רבא ווי דער ראש הישיבה שליט"א האט משמיע געווען הערליכע דברי תורה מתובל בדברי חיזוק והתחזקות.

מיט גרויס התרוממות הנפש איז געפּראַוועט געוואָרן דער געהויבענער שלש סעודות, וואו עס האבן זיך משתתף געווען א ריזן ציבור תלמידים ומעריצים תושבי העיר. די זמירות זענען געזונגען געוואָרן מיט גרויס וואַרעמקייט, און דער ראש הישיבה שליט"א האָט משמיע געווען גאר שטארקע דברי הדרכה אַריינטייטשנדיג בפרשת השבוע וויכטיגע יסודות וואס איז נוגע ווען מען שטעלט אויף א אידישע שטוב.

מוצאי שבת איז אָפּגעראָכטן געוואָרן אַ הערליכע סעודת מלוה מלכה אינאיינעם מיט די תלמידים, וואָס האט געדינט ווי א 'סעודה קטנה' ביים זיך געזעגענען פון אזא דערהויבענעם שבת. דער ראש ישיבה האט געזאָגט א ווארימער שמועס איבער וויאזוי צו קענען אנגיין מיט אן אמת'דיגע שמחה און שלוות הנפש אין די היינטיגע צעמישטע וועלט. באזונדער האבן די חשוב'ע אברכים געהאט א געלעגענהייט צו אויסשמועסן שאלות בעניני חינוך והמסתעף פון רבם ומאורם שליט"א וואס האט ברייט אויסגעשמועסט די פילע ענינים בטוב טעם ודעת מיט א געוואלדיגע קלאָרקייט, וואס האט זיך פארצויגן ביז אין די טיפע נאכט שעות.

אויך דעם קומענדיגן זונטאג איז דער ראש ישיבה שליט"א געבליבן ווײלן אין שטאט ווען תלמידיו היקרים, יוצאי הישיבה, האבן געהאט די געלעגנהייט צו קענען אריינגיין פריוואט זיך דורכרעדן און זיך אויסשמועסן בעצה ותושי'.




דער דערהויבענער שבת המרומם און דער גאנצער געהויבענע באזוך האָט אַריינגעבלאָזן אַ גייסט פון התחזקות און התרוממות צווישן די פילע תלמידים ומעריצים תושבי קרית יואל רבתי וואָס איר רושם וועט לאַנג פאַרבלייבן.

# זעלטענע התרגשות ביים חלוקת עזר לנישואין דורך 'קופת מלביש ישע' פאר 35 העלדישע חתנים 'גיבורי חיל' ווען ציפערן הייבן זיך ב"ה מיט יעדן חודש וואס גייט אריבער

## חלוקה פארגעקומען בבית כ"ק אדמו"ר מתולדות אברהם יצחק שליט"א פאר די חתנים פון חדשי אדר

בית שמש. - א הערליכע מחזה איז פארגעקומען דעם פארלאפענעם ליל ששי פרשת משפטים, ווען עס איז פארגעקומען א גרויסארטיגע מעמד חלוקת עזר לנישואין דורך 'קופת מלביש ישע' פאר 35 העלדישע חתנים גיבורי חיל וואס האבן אצינד חתונה אין די חדשי אדר.

די גיבורי חיל זענען - ווי אלע גדולי הדור זאגן - די סאמע-גרעסטע כלי זיין קעגן דער ביטערע 'גזירת הגיוס' וואס גייט ליידער פאר אויף א שרעקליכן פארנעם בארה"ק, און די איינציגסטע זאך פון וואס די מדינה הטמאה דערשרעקט זיך באמת, איז נאר אז עס זאל זיך נישט פארמערן קיין גיבורי חיל; דאס זענען די לוחמים אויפן שארפסטן פארנעם, און די זענען די וואס באויקאטירן זייערע אלע פלענער וויאזוי אריינצוכאפן נפשות טהורים אין זייער נעץ.

אט די חשובע חתנים מבני החבורה האבן בוחר געווען נישט צו קענען ארויספארן קיין אמעריקע (מ'זאל זיי נישט איינשפארן ביים ארויספארן) א דאנק זייער העלדישע אקט פון נישט צו נעמען א פטור, און זיי האבן נישט קיין מעגליכקייט צוזאמצושטעלן די גרויסע הוצאות החתונה פון די נדיבי חו"ל, דעריבער מוז מען זיי גיבן כאטש די מינומום צו לינדערן די שווערע חתונה-קאסטן.

### ורוח הקודש אומרת כן ירבה!

טראץ אזא מעמד חלוקה קומט פאר יעדן צווייטן חודש, דורך די הילף פון די חשוב'ע קביעות'דיגע ספאנסערס און פון די וואס קויפן זכותים פון 'תמיכה לחתן', דאך האט זיך געשפירט ביי די יעצטיגע חלוקה א זעלטענע התרגשות, נאכדעם וואס ביי די פארגאנגענע חלוקה איז פארטיילט געווארן פאר 22 חתנים, איז די יעצטיגע חלוקה געשטיגן צו 35 חתנים בליעה"ר! באלד דאָפלט! עס האט זיך ארויסגעשריגן דער 'כן ירבה וכן יפרוץ!' ווען עס דערמאנט זיך אין די ערשטע חלוקה ווען דעמאלטס האט זיך געציילט בלויז 7 אדער 8 חתנים, און יעצט האט זיך דאס צעוואקסן צו צענדליגער חתנים פון חודש צו חודש.

טראץ וואס דער פריידיגער ערשיינונג שלעפט אריין אין פיל מער ארבעט, געלט, און כוחות, די טייערע עסקנים און חברי ועד גבורי חיל, דאך שפירן זיי דאס פאר א זכי' צו קענען זיין פון די וואס האלטן אונטער און גיבן חיזוק פאר די העלדישע סאלדאטן אויפ'ן פראנט; די העראישע 'גיבורי חיל', וואס - ווי די מציאות ווייזט אויף - זענען זיי די איינציגסטע וואס שטייען אויפ'ן מלחמה פראָנט קאָפ צו קאָפ פונעם שונא; די משנאי ה' וואס זענען דא אויסצורייסן יעדן זיק של קדושה פון יעדן איד איבער די וועלט. די העלדישע 'גיבורי חיל' זענען די וואס געבן כח און מוט, פאר די עסקנים פון די פארצווייגטע אפיסעס אנצוגיין מיט די פעולות ארויסצוראטעווען די פארפלאנטערטע קעיסעס פונעם טריפה'נעם ציוניס'טישן מיליטער.

עס זעט זיך טאקע אָן א זעלטענע ווארעמקייט ביים ציבור ארויסצוהעלפן די חשובע עסקנים פונעם 'קופת מלבוש ישע' נאכדעם וואס עס איז אזוי נתרבה געווארן דעם אויבערשטנ'ס מיליטער; די 'גיבורי חיל', און דער ברייטער ציבור קומט טאקע אנטקעגן מיט גרעסערע סכומים צו אונטערהאלטן די הייליגע קופה!

### דער גרויסער מעמד החלוקה

דער מעמד איז פארגעקומען דעם ליל ששי פרשת משפטים, דורך כ"ק אדמו"ר מתולדות אברהם יצחק שליט"א בביתו נאוה קודש אין בית שמש ווי דער תוא"י רבי שליט"א האלט זיך יעצט אויף. צום ערשט האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' שמואל בנימין סופר שליט"א חבר הוועד, וואס האט ארויסגעברענגט דעם 'מעט מן האור' פון די גיבורי חיל, וואס מ'זעט בחוש ווי דאס איז דוחה דעם 'הרבה מן החושך' אין דעם שרעקליכן מצב וואס מיר געפינען זיך.

דאן האט משמיע געווען קורצע דברי ברכה דער תוא"י רבי שליט"א. דער רבי האט ווארעם אנגעוואונטשן די טייערע חתנים אז אזויווי זיי האבן די זכי' צו מלחמה האלטן מיט עמלק, אזוי זאלן זיי קענען לוחם זיין מיט די אייגענע יצר הרע, און שטענדיג זוכה זיין צו אלע השפעות טובות, און פרנסה בריוח א גאנצן לעבן.

דערנאך זענען אדורך אלע חשוב'ע חתנים, און דער תוא"י רבי שליט"א האט זיי איבערגעגעבן די תמיכה, און דערביי האט ער זיי אנגעוואונטשן ברכות לרוב צו קענען גיין אונטער די חופה בשעטו"מ און אויפשטעלן א בנין עדי עד, מיט דורות ישרים ומבורכים על דרך המסורה, עד ביאת הגואל.

דערנאך האט דער מנהל גיבורי חיל, הרה"ג ר' אברהם יוסף בראנדמארק שליט"א, איבערגעגעבן די קוויטלעך פאר די חתנים פון די געטרייע נדיבים ותומכים פון חוץ לארץ, וואס די חתנים זענען מתפלל פאר זיי און וועלן זיי אינזינען האבן ביום חופתם אז זיי זאלן זוכה זיין צו ברכה והצלחה אין אלע ענינים.

א זעלטענע חשיבות האט זיך געשפירט ביים מעמד, ווען צווישן די צענדליגע חתנים פונעם איצטיגן חלוקה ציילט זיך עטליכע חשוב'ע אייניקלעך פון מורי הוראה, און מנהלי המוסדות עטה"ק אין ארץ ישראל, מסלתה ומשמנה פונעם היימישן ציבור בארה"ק, וואס פאר'ן רבי'ן שליט"א איז דאס געווען א באזונדערע חשיבות.

דער קידוש השם שרייט פון זיך אליין, זעענדיג אז עס איז שוין פארהאן אן ערך פון 1500 גיבורי החיל, בעלי מסירת נפש מאנשי ישוב הישן, וואס דאס איז דער איינציגסטער מהלך וואס צוברעכט דעם גזירת הגיוס.

מיום התייסדות הקופה די לעצטע 7 יאר האבן שוין 600 חתנים "גיבורי החיל" ערהאלטן די תמיכה. ווער עס וויל האבן א חלק אין דער קידוש שם שמים און באצאלן פאר איינע פון די חתנים די חתונה, אדער די ליל החתונה אדער די מלבושים, שטריימל וכדומה, קען זיך פארבינדן מיט די עסקנים אויף 718.682.3124





משמרת תורתנו

בס"ד

# FOR SALE

## 39 Central Valley Line, Monroe, NY

**OPEN HOUSE**
on Feb. 18th
זונטאג תצוה
2:00 - 4:00



Brand new, high-end luxurious upgraded home - Woodbury Junction

















## Ready to move in today!!!

**2 Story house // 3,918 Sq Ft // Magnificent views!**
11 Rooms // 5 Baths // Bonus room included
Huge unfinished basement

Asking Price:
**$1,499,000**
Buyers Agents 2%

SELL. BUY. RENT. LEASE
COMMERCIAL
Since 2011
RESIDENTIAL
ONE CALL DOES IT ALL

MK REALTY
Residential & Commercial

**845.782.0205**
sales@mkrealtyusa.com

48 Bakertown Road
Suite 512, Monroe NY

**דוד לייב קרויס**
לייסענס# 10401317322
**845.274.3765**

**אליעזר דוד האפפמאן**
לייסענס# 10401304475
**845.662.3574**

**משה שמחה קויפמאן**
לייסענס# 10311206102
**845.537.0475**

**אברהם הערש גפן**
לייסענס# 10401378950
**845.837.0943**

**אברהם חיים לעווי**
לייסענס# 10401327281
**845.238.1162**

**נפתלי הירצקא זינגער**
לייסענס# 10401300864
**845.728.1429**



אן עט אויף דער פרשה במשנתו של רבינו:

# ויקחו לי תרומה



געקליבענע עובדות און הנהגות פון מרן רביה"ק זי"ע איבער דעם ענין פון

## גיין נאך געלט

מערכת נחלת רבותינו

ביותר צריכין לצוות את האדם על הדבר הקשה עליו ביותר לקיימו, ובאמת קשה להאדם להוציא מכיסו ממנו וליתנו לאחרים, מכל מקום אצל איש הנלבב קשה היותר הלקיחה, לדרוש ולתבוע ממון מישראל. ולזה כשרצה ה' לצוות על נדבת המשכן, היה צורך ביותר להזהיר את הגזברים על דבר הלקיחה, ממה שהוצרכו לצוות את ישראל על הנתינה, ועל כן אמר ויקחו, דמשמע שהציווי הוא אל הגזברים

(דברות קודש פרשת תרומה תשי"ב)

ווי באקאנט האט דער רבי איינגעווארצלט אין זיינע תלמידים וחסידים דער מדת החסד, בפרט דעם ענין פון ארומגיין נאך געלט פאר צדקה-צוועקן, א פרינציפ וואס דער רבי האט ארויפגעלייגט אויף זיינע תלמידי הישיבה אז יעדער בחור זאל גיין נאך געלט, מיט'ן ציל אז מ'זאל פון יונגערהייט זיך צוגעוואוינען ארומצוגיין נאך געלט פאר אנדערע אידנ'ס וועגן כדי עס זאל ווערן א הרגל נעשה טבע צו א טובה טון פאר א איד בגופו.

דער רבי האט ממנה געווען ספעציעלע גבאים אין ישיבה וועלכע זאלן איינטיילן דעם סדר פון די בחורים וועמען צו שיקן נאך געלט יעדע וואך. לויט'ן רבי'נס באפעל האט קיין איין בחור נישט געטארט זיך ארויסדרייען פון צו גיין נאך געלט. דער רבי איז געשטאנען דערויף מיט א פעסטקייט און קיינעם נישט פארציכטעט.

## צדק לפניו יהלך:
## ארומגיין נאך געלט

עס האט דערציילט הרה"ח ר' משה האנדלער ע"ה:

דער רבי זי"ע האט פארלאנגט פון די בחורים מ'זאל זיך צוגעוואוינען צו גיין נאך געלט פאר אידנ'ס-וועגן. דער רבי האט געזען דערין אן עיקר שבעיקרים, אז די בחורים זאלן זיך אויסלערנען א טובה צו טון פאר א איד בגופו.

הרה"ח ר' שלום ליפער ע"ה, וועלכער איז שוין דאן געווען דעם רבי'נס גבאי צדקה, האט געהאט א ליסטע פון אלע בחורים וואס האבן געלערנט אין דער ישיבה, און יעדן טאג האט ער געשיקט צוויי אנדערע בחורים נאך געלט. עס איז אויסגעקומען בערך צוויי מאל אין זמן וואס יעדער בחור איז ארומגעגאנגען נאך געלט. מ'האט געדארפט אריינברענגען לכה"פ צוויי הונדערט לעי.

דאס ארומגיין נאך געלט האט גענומען א גאנצן טאג. צופרי איז מען געגאנגען אין די בתי מדרשים, און שפעטער איז מען ארומגעגאנגען פון שטוב צו שטוב און פון געשעפט צו געשעפט. און כאטש דאס האט פארנומען א גאנצן טאג, און עס איז אויסגעקומען אז מען האט פארפעלט פון דער ישיבה א גאנצן טאג, פונדעסטוועגן האט דער רבי געזען דערין א שטארקע נחיצות, אויף וואס ער האט זיך געשטעלט בכל תוקף.

מיין טאטע ז"ל פלעגט אויך ארומגיין אין סאטמאר נאך געלט פאר'ן רבי'נס צדקה צוועקן. יעדע פאר וואכן האט אים דער רבי געלאזט רופן און אים באאויפטראגט צו גיין נאך געלט פאר א געוויסן צדקה צוועק. אין אלגעמיין איז דאס געווען פאר די בנן-של-קדושים'ס וועמען דער רבי פלעגט שטיצן רעגלמעסיג. אזוי ווי די בחורים אין דער ישיבה, פלעגט מיין טאטע ארומגיין אין סאטמאר פון געשעפט צו געשעפט, און האט צוזאמענגעשטעלט שיינע סומעס און עס אריינגעברענגט צום רבי'ן זי"ע.

אין די שפעטערע יארן, וואוינענדיג שוין דא אין אמעריקע, האב איך אויך אסאך מאל געהאט די זכי' צו גיין נאך געלט פאר'ן רבי'נס צדקה צוועקן. בפרט אין די ימי הפורים האב איך זיך אונטערגענומען אריינצוברענגען גרויסע סומעס געלט פאר'ן רבי'נס צרכי צדקה, און אזוי ארום זענען געווען אסאך פורים'ס וואס איך האב כמעט נישט געקענט מיטהאלטן מיט'ן רבי'ן זי"ע, צוליב דעם וואס איך האב געמוזט ענדיגן שאפן דעם סכום אויף וואס איך האב זיך מתחייב געווען.

עס איז אינטערעסאנט צו דערציילן א מערקווירדיגע זאך איבער א שליחות מיט וואס דער רבי האט מיר באאויפטראגט, ארומצוגיין נאך געלט. געווען איז עס אין יאר תשכ"ח, הושענא רבא פארטאגס, ארום א פערטל נאך פיר. זיצנדיג אין ביהמ"ד, איז צוגעקומען צו מיר הרה"ח ר' שלמה גפן ע"ה און געזאגט, אז דער רבי האט געבעטן אז איך זאל שוין אריבערקומען צו אים. איך בין געווארן אביסל דערשראקן. וואס קען דער רבי וועלן פון מיר אין אזא שפעטער שעה הושענא רבא פארטאגס?

מיט גרויס שפאנונג בין איך תיכף אריבערגעגאנגען צום רבי'ן זי"ע. אזוי ווי איך קום אריין, זאגט מיר דער רבי: "עס איז יעצט דא געווען ביי מיר ר' פלוני וועלכער איז געקומען אויף יו"ט פון ירושלים. ער איז פון אונזערע חשוב'ע תלמידים פון דער ישיבה אין סאטמאר, און אצינד נויטיגט ער זיך אין א גרויסער סומע געלט. ווי-נאר ער איז ארויסגעגאנגען" - האט דער רבי פארגעזעצט - "האב איך אנגעהויבן צו שפעקולירן, ווער עס איז אלץ געבליבן פון מיינע תלמידים אין סאטמאר? און איך האב זיך באלד דערמאנט אז דו האסט געלערנט ביי מיר אין סאטמאר, האב איך דיך געוואלט מכבד זיין אז דו זאלסט צוזאמענשטעלן א סכום געלט פאר דעם איד". דער רבי האט באלד ארויסגענומען פון וועסטל-טאש א שיינע מטבע, און עס מיר אהינגעגעבן, אלס א התחלה. איך האב טאקע דעמאלט צוזאמענגעשטעלט גאר א שיינע סומע פאר יענעם חשוב'ן תלמיד פונעם רבי'ן, פון וואס דער רבי האט שטארק הנאה געהאט.

(באילנא דחיי ח"א עמ' תע"ה)

## איך ברויך נישט איינעם וואס קען נישט קיין טובה טון פאר א איד בגופו

עס דערציילט איבערדעם הרה"ח ר' אהרן יודא שווארץ הי"ו:

דער רבי האט געלייגט א באזונדערן דגש אויף דעם, אז זיינע תלמידים, די בחורי הישיבה, זאלן זיך צוגעוואוינען צו גיין נאך געלט פאר אידנ'ס וועגן. ער האט איינגעווארצלט אין די בחורים א טובה צו טון פאר א איד בגופו, און מטעם הישיבה האט מען ארויפגעלייגט אויף יעדן בחור געוויסע סומעס וואס ער האט געברויכט צוזאמענשטעלן ארומגייענדיג נאך געלט אין די בתי מדרשים.

איך געדענק, אז עס איז געווען איינער פון די עלטערן פון די בחורים, וועלכער איז געווען א בעל-הבית'ישער איד, און עס האט אים נישט געשמעקט אז זיין בחור זאל זיין א "שנארער", האט ער פארגעשלאגן אז ער וויל מסלק זיין דעם גאנצן סכום פון זיין אייגענע קעשענע, אבי אז זיין בחור זאל נישט דארפן קלעטערן אין די בתי מדרשים צו זאמלען פרוטות. ווען דאס איז אנגעקומען צום רבי'נס אויערן, האט דער רבי בשום אופן נישט מסכים געווען דערצו, זאגנדיג: "איך ברויך נישט ביי מיר אין דער ישיבה אזא איינעם וואס קען נישט קיין טובה טון פאר א איד בגופו". דער רבי האט אויסדריקליך געוואלט אז מ'זאל דווקא גיין נאך געלט, כדי זיך אויסצולערנען צו זאמלען צדקה פאר א צווייטן איד.

(באילנא דחיי ח"א עמ' ק"ז)

## יעדער תלמיד הישיבה אן אויסנאם ברויך גיין נאך געלט

עס האט דערציילט כ"ק הגה"צ מאנטרעאלער

אינטערעסירן פון וואו עס שטאמט דער געדאנק, ביז זיי זענען דערגאנגען אז דאס קומט גאר פון א מיטגלידער פון דער "סטאטוס-קווא" קהלה אין סאטמאר. דא האבן זיי באלד געזען אז דער רבי האט עפעס דערשמעקט אז דער פלאן קומט נישט פון קיין מקור טהור, און דעריבער האבן זיי זיך געשעמט צוריקצוקומען צום רבי'ן מיט אן ענטפער.

נאך עטליכע וואכן, האט דער רבי מיך געשיקט, אז איך זאל אריבערגיין צו הרה"ח ר' יצחק ווייס ע"ה, וועלכער איז געווען פון דעם קאמיטע וואס איז אריינגעקומען צום רבי'ן פארשלאגן דעם דערמאנטן פלאן, און איך זאל אים איבערגעבן אז ער איז שולדיג אן ענטפער פאר'ן רבי'ן.

איבערגעבנדיג דעם רבי'נס שליחות פאר ר' יצחק, האט ער מיר געענטפערט אז ער האט אן ענטפער וואס וועט דעם רבי'ן אוודאי נישט געפעלן, און דעריבער האט ער מורא אריבערצוקומען צום רבי'ן. ווען איך האב איבערגעגעבן פאר'ן רבי'ן וואס ר' יצחק האט מיר געזאגט, האט דער רבי מיר געהייסן אים איבערגעבן אז ער האט נישט וואס מורא צו האבן, ער וועט אים נישט זאגן קיין שום שארף ווארט, ער וויל אים פשוט פארשטיין געבן דעם ענין.

ווען ער איז אריבערגעקומען, האט אים דער רבי געזאגט: "ס'איז דא א מאמר חז"ל: 'תרעא דלא תפתח לעניא תפתח לאסיא', א טיר וואס איז נישט אפן פאר ארימעלייט איז אפן פאר דאקטוירים, ח"ו. קומט אויס, אז ווען ארימעלייט גייען ארום אין שטאט נאך געלט, און מ'נעמט אריין די ארימעלייט אין שטוב און מ'גיט זיי צו עסן, איז דאס מונע פונעם שטאט חליים רעים און אלע שלעכטע זאכן, און דאס איז די גרעסטע טובה פאר'ן שטאט!, און טאקע דעריבער איז דא א התגברות היצר קעגן דעם. דערפאר, ווי-נאר איך האב געהערט אייער פלאן, האב איך זיך פארגעשטעלט אז עס שטאמט נישט פון קיין גוטן מקור".

(באילנא דחיי ח"ג עמ' רנ"ב)

## דורכ'ן ארומגיין נאך געלט רייסט מען ארויס אידן פון שאול תחתית

נאך האט דערציילט הרה"ח ר' אהרן פאללאק ז"ל:

אין יענע יארן פלעג איך צוזאמנעמען געלט פאר די החזקת התלמוד תורה וועלכע איז נאך געווען אין אירע ערשטע יארן. אינאיינעם מיט הרה"ח ר' ליפא יאקאבאוויטש ז"ל פלעג איך ארומגיין פון געשעפט צו געשעפט אין דער "איסט-סייד געגנט" פון וואס עס האט זיך צוזאמענגעקליבן שיינע סומעס.

הרה"ח ר' יצחק אייזיק כהנא ז"ל, א תלמיד פונעם קדושת יו"ט זי"ע, האט אמאל שבת נאכמיטאג, פאר מנחה, איבערדערציילט פאר'ן רבי'ן אז מיר גייען ארום נאך געלט אין דער "איסט-סייד געגנט" לטובת די סאטמארער תלמוד תורה. בתוך הדברים זענען מיר אריינגעקומען אין ביהמ"ד, אנקומענדיג פון דער "איסט-סייד" צום רבי'נס שלש סעודות, ר' אייזיק האט באלד אנגעטייטלט אויף אונז ווייזנדיג פאר'ן רבי'ן אז מיר זענען דא. דער רבי האט אונז צוגערופן און אנגעהויבן אויסצופרעגן ווי אזוי עס גייט צו דאס גיין נאך געלט, צי מ'זידלט מיך אן אלס א סאטמארער חסיד, אד"ג. האב איך געענטפערט, אז געווענליך נאכדעם וואס מ'גייט ארויס פראטעסטירן אויף די ניו-יארקער גאסן קעגן דער ממשלת הכופרים, ווערן מיר שטארק באוואשן דורך די אמעריקאנער אידן בשעת'ן ארומגיין נאך געלט.

דער רבי האט אונז מחזק געווען אז מיר זאלן זיך נישט אפהאלטן צוליב דעם נאר ווייטער ארומגיין נאך געלט, אויך צו אזעלכע אידן. דער רבי האט מיר דעמאלט דערציילט, אז נאכדעם וואס הרה"ק רבי אשר'ל ראפשיצער זי"ע האט חתונה געהאט מיט די טאכטער פונעם ראפשיצער רב, הרה"ק רבי נפתלי צבי זי"ע, האט דער ראפשיצער רב פארלאנגט פון די ראשי הקהלה אז מ'זאל אויפנעמען זיין איידעם רבי אשר'ל אלס "רב הצעיר" אין שטאט.

אין אנהויב זענען געווען עטליכע פון די ראשי קהלה וואס האבן נישט געהאט קיין חשק דערצו, וויבאלד עס האט דאן געהערשט א גרויס עניות אין פוילן, און זיי האבן גע'טענה'ט אז קהל'ס קאסע קען זיך נישט ערלויבן צו געבן א חודש'ליך געהאלט פאר נאך א רב, אבער וויבאלד דער ראפשיצער רב האט דאס פארלאנגט, האבן זיי זיך נישט געקענט אנטזאגן, און רבי אשר'ל איז טאקע אויפגענומען געווארן אלס רב הצעיר אין ראפשיץ.

א קורצע צייט דערויף, אום יו"ט פורים, האט דער ראפשיצער רב געהייסן פאר זיין גבאי אנצוזאגן פאר די תושבי העיר, אז יעדער וואס איז רגיל צו ברענגען משלוח מנות פאר'ן רב, זאל אצינד אויך טראגן משלוח מנות פאר זיין איידעם, דעם נייעם רב הצעיר. דער גבאי האט געפרעגט דעם ראפשיצער רב מיט וואונדער, אז ס'איז דאך נארוואס אפגעשטילט געווארן די מחלוקת אין שטאט אנבאלאנגט אויפצונעמען רבי אשר'ל פאר רב הצעיר, און יעצט אויב וועט מען נאך ארויפלייגן אויף זיי צו טראגן משלוח מנות פאר רבי אשר'ל וועט זיך צוריק אויפלאמען די מחלוקה אין שטאט.

האט דער ראפשיצער רב אים געענטפערט: "זאלסטו וויסן אז דורך דעם וואס זיי גיבן צדקה, טוט מען זיי ארויסראטעווען פון שאול תחתית, דעריבער זאלסטו דעם זיבעטן הויט ארויסרייסן פון זיי, אבי זיי זאלן ניצול ווערן פון שאול תחתית לאחר מאה ועשרים".

אזוי האט מיר דער רבי דערציילט, און האט אויסגעפירט: "איר זאלט ווייטער ארומגיין נאך געלט, ווייל יעדע פרוטה צדקה וואס מ'רייסט ארויס פון א איד, רייסט מען אים ארויס דערמיט פון שאול תחתית!"...

(באילנא דחיי ח"ג עמ' רפ"א)

## עשה עמנו צדקה כרוב רחמיך

עס איז אינטערעסאנט צוצושטעלן וואס עס האט דערציילט הרה"ח ר' משה אייזנבערג ע"ה:

ביים רבי'ן אין ביהמ"ד איז געווען איינגעפירט, אז כמעט יעדן שבת פאר קריאת התורה האט מען געמאכט אן אפיל פאר אן אנדערן צוועק, פאר ישיבות ומוסדות התורה, און צדקה וחסד ארגאניזאציעס.

איינמאל האט זיך איינער אפגערעדט פאר'ן רבי'ן דערוועגן, אז מ'רייסט יעדע וואך געלט פונעם עולם; דער עולם איז דאך אזוי אנגעשטרענגט מיט די פרנסות, וואלט מען געדארפט מאכן אן עק דערצו.

האט אים דער רבי געענטפערט: "הער זיך איין. דו מיינסט, אז איך קען נישט דעם עולם אזוי גוט ווי דו? איך קען זייער גוט מיין עולם. און דו מיינסט, אז איך האב נישט אזויפיל רחמנות אויף זיי ווי דו? איך האב נאך אזויפיל רחמנות. נאר טאקע דערפאר וויל איך אז מ'זאל ווייטער אנהאלטן די אפילס יעדן איינציגן שבת".

(באילנא דחיי ח"א עמ' ש"פ)

## אראפגענומען דעם קטרוג דורכ'ן גיין נאך געלט

עס האט דערציילט הרה"ח ר' עזריאל גליק ז"ל משב"ק: איין יאר ראש השנה אינדערפרי פאר'ן דאווענען האט מיר דער רבי געבעטן אריבערצורופן א חשוב'ן איד מחשובי אנשי שלומינו. ווען איך בין צוריקגעקומען צוזאמען מיט דעם איד, האט זיך דער רבי געוואנדן צו אונז ביידע און געבעטן אז ער וויל אז נאך ראש השנה זאלן מיר אינאיינעם גיין נאך געלט פאר א געוויסע צדקה צוועק, און ביז ערב סוכות זאלן מיר צוזאמשטעלן א געוויסע סומע.

איך האב צוגעשטימט, אבער דער אנדערער איד האט גע'טענה'ט אז עס איז אים ממש אוממעגליך צו גיין נאך געלט, וויבאלד אין די





מבינים כאפן
ווילאנג ס'נאך דא!
Boro Park
5721 18th Avenue
Monroe
248 Seven Springs Mountain Rd
Williamsburg
575 Kent Avenue
Hours: Sunday - Thursday 2:00pm - 8:30pm
718-2-LERNER

כל הקודם
זכה!

די שטאט פארט

# אויף רעדער!

סעיל ענדיגט זיך דעם זונטאג

די לאנג ערווארטעטע לערנער שטריימל שיפמענט איז ענדליך אנגעקומען.

**פראכטפולע רייכע שטריימלעך**
**פאר שטוינענד ביליגע סעיל פרייזן!**

| קעניגליכע שטריימל | יום טוב שטריימל |
|---|---|
| $2,899 | $1,799 |
| REGULAR $4,000 | REGULAR $2,800 |

**זונטאג תרומה** ביז **זונטאג תצוה**

ב' אדר א' ביז ט' אדר א'

February 11-18

לערנער
שטריימל עד



טעג איז ער שטארק טרוד מיט זיין געשעפט. דער רבי האט אים געזאגט, אז ער זאל דינגען אן ארבעטער אין זיין געשעפט אנשטאט אים, און דער רבי וועט באצאלן די קאסטן פונעם ארבעטער. "אבער איך וויל אז דו זאלסט גיין נאך געלט", האט אים דער רבי באטאנט.

דאס איז געווען א גרויסער חידוש, ערשטנס, דאס אליין אז דער רבי האט זיך אפגעגעבן מיט דעם אין אזא צייט, ראש השנה צופרי פאר'ן דאווענען. אבער נאכמער האט מיר געוואונדערט, זעענדיג ווי דער רבי האט עפעס א כוונה דערביי אז מיר זאלן גיין נאך געלט אין די קומענדיגע טעג ביז סוכות, אויף אזוי ווייט אז דער רבי איז גרייט געווען צו באצאלן דעם ארבעטער וואס ער וועט נעמען אנשטאט אים.

למעשה, האט דער איד צוליב זיינע טירדות נישט געקענט גיין נאך געלט. יענעם ערב סוכות האט פאסירט מיט אים א שווערע אומגליק, ווען אינמיטן עוסק זיין אין זיין ארבעט מיט'ן בויען די סוכה איז ער פלוצים אראפגעפאלן פון א הויכן פלאץ און ער האט זיך צובראכן עטליכע ביינער, פון וואס ער האט שווער געליטן לאנגע חדשים.

ווען איך בין אים געגאנגען מבקר חולה זיין האט ער זיך צו מיר אנגערופן: "עזריאל, דו ווייסט דאך יא וואספארא חכם איך בין געווען... ווען איך וואלט געפאלגט דעם רבי'ן וואלט איך אוודאי נישט געדארפט יעצט ליגן אין בעט מיט אזעלכע ווייטאגן..."

נאך דעם וואס איך האב צוזאמגעשטעלט די גאנצע סומע, האב איך אריינגעטראגן דאס געלט פאר'ן רבי'ן, וועלכער האט אויסגעדריקט גרויס הנאה און קורת רוח. אבער איך האב פילפאכיג מער מכיר טובה געווען דעם רבי'ן דערפאר, נאכ'ן זיך איבערצייגן די טיפע כוונה וואס דער רבי האט געהאט דערביי.

(עזר בקודש עמ' תע"ה)

## קובץ על יד ירבה

אין יאר תש"י האט מען מייסד געווען די סאטמארער תלמוד תורה, וואס האט זיך אנגעפאנגען מיט אינגאנצן אפאר אינגלעך, מען האט אפגעקויפט א בנין פאר דער תלמוד תורה אין דער "סאוט 9" געגנט, פאר'ן פרייז פון זעקס און א האלב טויזנט דאלער (א סכום עצום בימים ההם). דער רבי זי"ע האט מחייב געווען יעדן איינעם צו שאפן $100 פאר דעם צוועק.

ווי פארשטענדליך, האט קיינער נישט געקענט געבן אזא סכום, און אפילו נישט קיין צענטל דערפון, פון אייגן געלט, נאר יעדער האט דאס פארשאפט דורך ארומגיין נאך געלט אין די בתי מדרשים. דעמאלט פלעגט מען געבן פעניס פאר צדקה, וקובץ על יד ירבה, ביז מ'האט צוזאמענגעשטעלט די גאנצע סומע, און אזוי האט מען פארשאפט די גאנצע סומע געלט אפצוקויפן די ערשטע געביידע פאר דער סאטמארער תלמוד תורה.

(באילנא דחיי ח"א עמ' תפ"ח)

## א געלט-גייער דארף צוויי טאשן

עס האט דערציילט הרה"ח ר' אלי' דוד טירנויער ז"ל:

דער רבי האט אונז געזאגט, אז ווען מען גייט נאך געלט דארף מען זיך אנגרייטן צוויי טאשן - די גרעסערע טאש אריינצופאקן די בזיונות, און די קלענערע טאש אריינצולייגן דאס געלט.

די ווערטער זענען איבערהויפט געווען גילטיג בימים ההם, ווען די גאנצע גאס האט געהעצט און געשימפט קעגן דעם רבי'ן און זיין הייליגער שיטה. אין פילע ערטער וואו מיר זענען געגאנגען נאך געלט, האבן מיר אריינגעכאפט הויפנס מיט בזיונות פאר אונזער זיינד זייענדיג א "סאטמארער חסיד". נישט נאר אין די ווייטערע פלעצער, נאר אפילו אין די חסידישע שולן אין דער איסט-סייד, וואו עס האבן געדאווענט אסאך חסידישע אידן, וועלכע האבן זיך שוין געהאט היבש אמעריקאניזירט, האבן אויך אפגעשפעט און מיט א געלעכטער אונז געפרעגט: "וואס האט ענקער רבי שוין ווייטער געזאגט ביי שלש סעודות קעגן דער אידישער מדינה?" און דאס גלייכן.

(באילנא דחיי ח"ב עמ' רכ"ט)

## מעיל צדקה יעטני: ארומגעגאנגען נאך געלט אויסצולייזן דעם פאר'משכונ'טן טילעפ

דער רבי איז פון אלס קליין קינד ארומגעגאנגען נאך געלט פאר אנדערע אידנ'ס וועגן. א מערקווירדיגע געשעעניש איבערדעם האט דערציילט הגה"ח ר' יעקב הערש טארנער ז"ל פונעם רבי'נס מקורבים אין דער אלטער היים:

דאס איז געווען ווען דער רבי איז געווען אן עלף-צוועלף יעריג אינגל, האט דער קדושת יו"ט זי"ע געשטעלט ר' יעקב הערש'ן צו לערנען יעדן טאג מיט'ן רבי'ן און זיך אומקוקן אויף אים.

די סיגוט'ער רביצין, די מוטער פון רבי'ן זי"ע, האט אנגעזאגט פאר ר' יעקב הערש שטארק אכטונג צו געבן אויפ'ן טייערן טילעפ וואס זי האט געהאט געקויפט פאר'ן רבי'ן. די רביצין האט געוואוסט אז דער רבי איז אומשטאנד דאס צו פאר'משכונ'ען אדער גאר אוועקגעבן פאר זיינע צדקה-צוועקן.

איינמאל זעט ר' יעקב הערש ווי דער רבי קומט אן אן זיין טילעפ. ר' יעקב הערש האט זיך געוואונדערט און געפרעגט דעם רבי'ן וואוהין דער טילעפ איז פארשוואונדן. קודם האט דער רבי פרובירט זיך ארויסצודרייען מיט פארשידענע אויסריידן, אבער ר' יעקב הערש האט נישט נאכגעלאזט, טענה'נדיג אז זיין מאמע, די רביצין, האט אים זייער אנגעזאגט צו היטן דערויף, און ממש ארויפגעלייגט דאס אחריות אויף אים.

האט דער רבי זיך פארענטפערט פאר ר' יעקב הערש אז ער האט ארויסגעהערט פון זיין טאטנ'ס שטוב ווי א איד האט זיך אויסגערעדט אז ער גייט חתונה מאכן די אנדערע וואך און האט נישט קיין פרוטה פאר די הוצאות החתונה. דער קדושת יו"ט האט אים געגעבן א סומע געלט, און זיך אנטשולדיגט אז ער האט יעצט נישט מער געלט ביי זיך.

דער רבי - אלס קליין אינגל - האט זייער רחמנות באקומען אויף דעם איד, און איז באלד אריבערגעגאנגען צו אן עושר הרבני הנגיד ר' זושא עלעפאנט ע"ה, און אים געבעטן ער זאל אים בארגן א סומע פון טויזנט קרוינען. דער עושר איז גרייט געווען אים צו געבן די הלואה אבער נאר מיט א געהעריגן משכון. האט דער רבי גענומען זיין טילעפ און דאס פאר'משכונ'ט ביי ר' זושא, און באלד אריבערגעטראגן דאס געלט צו יענעם דערמאנטן איד.

ר' יעקב הערש איז געווען זייער דערשראקן, זייענדיג זיכער אז די רביצין וועט יעצט האבן טענות צו אים. דער רבי האט אים בארואיגט און דערביי פארגעשלאגן פאר ר' יעקב הערש: "לאמיר יעצט, ביי מנחה-מעריב, ארומגיין נאך געלט אין ביהמ"ד, און מיט דעם געלט וועט מען צוריקצאלן דעם חוב און אזוי צוריקבאקומען דעם טילעפ".

כך הוה. ביי מנחה מעריב איז דער רבי צוזאמען מיט ר' יעקב הערש ארומגעגאנגען נאך געלט אין ביהמ"ד. ווען דער קדושת יו"ט האט געזען ווי זיי גייען נאך געלט, האט ער צוגערופן ר' יעקב הערש'ן און געפרעגט וואס איז שוין ווייטער אז זיין יואלי'ש גייט נאך געלט? האט ר' יעקב הערש דערציילט פאר'ן קדושת יו"ט די גאנצע מעשה. דער קדושת יו"ט האט שטארק הנאה געהאט דערפון, און מיני' ובי' האט ער ארויסגענומען א גרויסע מטבע און זיך אויך משתתף געווען אינעם צוועק.

(באילנא דחיי ח"ג עמ' ש"ח)

בעלי חסד
זוכים בגורל
פרשת משפטים:
NEW YORK *** 5480 EXCELSIOR
זיך נאכגעשט געמאלדן
MYFLORIDA.COM *** T76 SUNSHINE STATE
זיך נאכגעשט געמאלדן
NEW YORK *** 6485 EXCELSIOR
ר' יואל בר"א וויינבערגער
NEW YORK *** 2897 EXCELSIOR
ר' אברהם אבא פילאפף
NEW YORK *** 1316 EXCELSIOR
ר' יואל בערקאוויטש
ספאנסאר פון פרשת משפטים:
MOVERS
MOVING EVERY CUSTOMER WITH CARE
845.287.4190
'יהיטשט' און 'געווינט'
845.288.3880



**SOLD**

**Premishlan / Karlsburg** Oversized 6-room apartment top floor with beautiful view ready to move in.



**FOR SALE**

**Lemberg** 5 room apartment 3rd floor good condition tenant occupied.



**FOR SALE**

**SVM** 5-room apartment top floor ready to move in with attic



**FOR SALE**

**Close to Woodbury Villas:** Renovated 3000 sqft, brand new kitchen, bath, possible to subdivide lot to build another house, + additional monthly rental income.

## FOR SALE

- 4 room basement apartment on Van Buran
- 5 room walk in apartment on Stropkov tenant occupied
- 5 Room apartment in SVM 3rd floor tenant occupied
- 5 room walk-in basement in SVM
- 5 room apartment in section 1 tenant occupied
- 5 room apartment in SVM top floor
- 5 room apartment on Lemberg top floor ready to move in
- 6 room apartment in SVM top floor
- 6 room apartment in SVM tenant occupied
- 7 room apartment in SVM tenant occupied
- 8 room apartment plus basement in SVM
- 9 room apartment in SVM 3rd floor
- Big divided apartment into a 5 & 6 room apartment both are tenant occupied
- Mansion house plus big attic on Mountain Rd.
- Custom built brand-new private house 3 Holland Prestwick area
- Private house in Woodbury Villas

## FOR RENT

*HFA Realty is charging a flat Fee from Tennant, it's not based on price of rental.

- 4 room apartment in Woodbury Villas
- 5 room apartment in Woodbury Villas
- 5 room basement on Prag Blvd.
- 5 room apt in svm first floor
- 7 room Apartment in SVM first & third floor
- 7 room apartment in SVM fourth floor
- 7.5 room apartment in SVM third floor
- 4 Bedroom renovated house in Blooming Grove
- Private offices available in Atzia Temorim
- Large private office on MountainView Dr.
- Private house in Blooming Grove
- 2,000 sq ft unfinished walk-in space in Woodbury Villas
- Newly renovated private office on Route 32
- Private office in the new Stonegate Business Center
- Great price 1500 sq ft office space on Rovna Ct.
- Beautiful private office with conference room on Raywood Dr.

**HFA REALTY GROUP**

845.781.2410
Sales@HFArealty.com

משה יוסף פריעדמאן ext. 3
Moshe@hfarealty.com

מרדכי יואל אונגאר ext. 4
Cell 845.238.0039
Mordechai@hfarealty.com



# שאלת חכם

אקטועלע און אינפארמאטיווע שמועסן, באגלייט מיט יסודות'דיגע פניני דעת ותבונה, און מיט א אידישן בליק


געענטפערט דורך
הרה"ג רבי נחום אבראהאם שליט"א
דומ"ץ במאנסי


## ווי אזוי איז מען קונה יענעמ'ס הארץ; זיך דורכקומען מיט מענטשן

### שאלה:

**איך האב געליינט אין דעם קאלום 'שאלת חכם' דעם מאמר פון פרשת בשלח 'די וועג צו קריטיקירן', ס'איז מיר געווען זייער נוצבאר. איך וויל אבער פרעגן א זאך וואס איז מיר וויכטיג צו וויסן, וויאזוי איז מען קונה יענעמ'ס הארץ און ווילן צו וועלן טון מיט חשק דאס וואס איך בעט אים, און די זעלבע צייט זאלן מיר קענען בויען א דיאלאג זיך צו פארשטיין, און צו ארבייטן אויפ'ן זעלבן בלעטל, נישט ס'זאל אויסזען ווי דור הפלגה ווי יעדער פארשטייט אנדערש.**

### תשובה:

מיר וועלן אי"ה פרובירן צו פארברייטערן דעם ענין פון בין אדם לחבירו, וואס די תורה הקדושה האט אונז אזויפיל אנגעזאגט דערויף, ווי ס'ווערט ערקלערט אין אלע מוסר ספרים ווי וויכטיג ס'איז אינעם לעבן. מיר וועלן ברענגען עטליכע נוצבארע, אויסגעפרואווטע עצות. אבער ס'מוז זיין אמת'דיג, מיט הארץ און מיט פנימיות. כמים פנים לפנים. אויב יענער שפירט אז דאס איז חנופה און נישט אויפריכטיג, נאר געמאכטע זאכן, דו האלטסט נישט דערביי, ס'איז מעכאניש, קען דאס נישט געהעריג ווירקן. קיינער האט נישט ליב חנופה.

#### א. האלט דיך נישט העכער

צוליב וואס דאס איז שטארק נוגע פאר מחנכים און משפיעים, מוז מען וויסן א גרויסע כלל: יעדער וואס איז משפיע אויף א צווייטן; א טאטע, א מחנך, און כל שכן א מנהיג, דארף געדענקען דעם מאמר חז"ל (ברכות מט:) לעולם אל יוציא אדם את עצמו מן הכלל - קוק דיר נישט אן אלס איינער וואס איז העכער און דו ביסט דער משפיע אויף קלענערע. דאס גייט אריין אין כלל פון גאוה וואס השי"ת האט זייער נישט ליב. דו דארפסט וויסן אז דו ביסט גארנישט מיט נישט, נאר השי"ת האט אזוי געוואלט און צוגעפירט אז דו זאלסט איבערגעבן פאר אנדערע און האבן די זכיה צו זיין לומד ומלמד, מיט דעם ביסטו מקיים דעם רצון הבורא אזוי ווי ווען דו לייגסט תפלין. דו דארפסט רעדן צו יענעם מיט דעם חשבון אז מן הסתם איז יענער נאך חשוב'ער פון דיר אין הימל, לויט זיין מצב, כשרונות, נסיונות א.א.וו.

לויט'ן תניא (פרק מא) - מיט דעם וואס דו ביסט מקיים דעם רצון ה' צו משפיע זיין פאר יענעם תורה, מדות, דרך ארץ וכו' - דארפסטו אינזין האבן צו באהעפטן דעם מקור פון דיין נשמה אין דעם ליכטיגקייט פון הייליגן בורא וואס ליגט באהאלטן אין דער מצוה, אזוי ווערט א געוואלדיגע יחוד פון הקב"ה מיט די מקור פון דיין נשמה (כנסת ישראל, יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה), און דער יחוד איז גורם א שמחה און א נחת רוח אין אלע וועלטן וואס מיר קענען זיך אפילו נישט פארשטעלן, און פון דעם קומט צוריק אראפ מורא'דיגע השפעות ברוחניות ובגשמיות. דאס דארף זיין דער צוגאנג ווען מ'איז משפיע און מחנך. אז מ'מיינט דאס אמת'דיג וועט זיין דערין א גרויסע סייעתא דשמיא און בעזהשי"ת וועט מען מצליח זיין.

#### ב. מאך ער זאל נישט ווערן אנטוישט

דאס ערשטע ווען דו ווילסט משפיע זיין אויף איינעם אויף א גוטע וועג, דארפסטו ווייזן יענעם שעצונג, רעספעקט, חשיבות, וויכטיגקייט. דאן וועט זיין גילטיג דער כלל '**ווער וויל דען אנטוישן דעם וואס שעצט אים, און האלט אים אלס געלונגענער מענטש**'.

ווען דו טרעפסט אויף אים עפעס וואס דו קענסט ווייזן אז ער איז אויסגעצייכנט דערין, און אז ער האט געטון א געלונגענע ארבייט, מאך זיך וויסנדיג דערפון, און ברענג שטארק ארויס ווי געשעצט ער איז לכבוד דעם. דאס וועט אים ברענגען צו וועלן ווייזן אז אויך אין אנדערע זאכן איז ער געלונגען און פעהיג.

דאס זעלבע ווען דו זאגסט אז דו הערסט אויף אים גוטע גריסן, וועט דיר דערנאך גרינגער זיין אים צו מעורר זיין אויף געוויסע נקודות וואס ער קען זיך נאך מער און שטארקער פארבעסערן. ער וועט זיין אפן צו הערן פון דיר, וויבאלד דו האסט פאר דעם געזאגט גוטס אויף אים וועט ער וועלן זיין אינגאנצן גוט, און דו וועסט זיך נישט דארפן ארומרייסן מיט אים.

ווען דו ווילסט אריינברענגען א גוטע נאטור אינעם קינד זאלסטו רעדן דערפון כאילו ער האט דאס שוין, און ווי אזוי מ'קען דאס נאכמער אויפארבייטן, און נישט נאכלאזן וואס ער האט שוין דערפון. בפרט ווען ס'איז פארגעקומען עפעס וואס דו ווילסט דערויף מעורר זיין אז ער דארף דאס פאררעכטן, הייב אן קודם מיט דעם וואס ער האט שוין 'יא' פון די גוטע מדה.

> ## יא יא! ריבטיג! איך האלט אויך אזוי! איך ווייס אויך דערפון!

א ראש ישיבה האט דערציילט אז אין זיין ישיבה האט געלערנט א בחור וואס איז געווען שטארק נאכגעלאזט, און ער האט זיך אויפגעפירט זייער קינדעריש וואס דאס האט אים ביליג געמאכט אין די אויגן פון זיינע חברים. דער ראש ישיבה האט אים גערופן אין א זייט, און געזאגט: "איך זע אז דו לערנסט זייער פיין, אבער טאמער וואלסטו אויסגענוצט דיינע כשרונות ריכטיג, וואלסטו געקענט וואקסן ממש א מהר"ם שיק!" (דער בחור האט זיך אנגערופן אז ער וואלט דאס קיינמאל נישט געגלייבט, אבער דער ראש ישיבה האט זיך נישט וויסנדיג געמאכט און ווייטער גערעדט.) דאן האט ער אים געזאגט "זיכער פאסט נישט פאר אזא בעל כשרון און געלונגענער בחור ווי דו זאלסט זיך אויפפירן קינדעריש".

דאס האט געווירקט אויפ'ן בחור אסאך מער ווי ווען ער וואלט אים לכתחלה גע'מוסר'ט אויף זיין קינדערישע אויפירונג. ער איז אויך נישט פארשעמט געווארן, ווייל ער האט פארדעם באקומען אזא שיינע אויסצייכענונג. ער האט געשפירט אז ער האט פרעסטיזש אין די אויגן פון ראש ישיבה ער קוקט ארויף אויף אים און ער שעצט אים, דאס האט אים געגעבן קוראזש זיך צו צושטעלן דערצו, און ער האט זיך אנגעהויבן פירן ווי א ערוואקסענער בחור. דאס האט אויך געהויבן זיין חשיבות אין די אויגן פון אנדערע בחורים, און פון דארט איז דאס געגאנגען בארג ארויף, א דאנק די גוטע מהלך פון דעם ראש ישיבה.

און נישט נאר אויף אים זעלבסט, נאר אפילו ווען דו זאגסט פאר א מענטש א גוט ווארט אויף זיינע קינדער אדער אויף זיינע עלטערן האסטו אים געגעבן א גוטע געפיל און וויכטיגקייט, און דאס מאכט אים דיר וועלן אויסהערן מיט חשק.

#### ג. קוק דורך יענעמס ברילן

ווען דו ווילסט עפעס פון א צווייטן, ער זאל זיך מיט עפעס פארבעסערן, שטעל דיר אריין אין יענעמ'ס שיך און קוק דורך זיינע ברילן. ערשטנס דארפסטו טראכטן דעם אונטערגרונד פארוואס טוט יענער אזוי און וואס ברענגט אים דערצו, און ווען דו ווייסט דאס שוין, איז דיר אסאך גרינגער גוט איבערצוטראכטן וואס און ווי אזוי דו ווילסט דאס זאגן, און וואס יענער וועט ווארשיינליך ענטפערן (לויט ווי דו קענסט אים) און וואס ס'זאל זיין דער צוריק-ענטפער, אדער אפשר זאלסטו גארנישט צוריק ענטפערן. געדענק! ווען דו פארשטייסט יענעמ'ס שטאנדפונקט און געדאנקען גאנג, ווייסטו ווי אזוי צו צוגיין דערצו מיט יענעמס פארשטאנד. נישט מיט דיינ'ס. אויב

גייסטו צו מיט דיין אויפפאסונג און פארשטאנד, וועט יענער נישט כאפן וואס דו ווילסט פון אים. ס'איז אזוי ווי מסביר זיין פאר א בלינדן מענטש דער חילוק פון גרין ביז בלוי. טראכט אריין, ווען דו וואלסט געטראכט אזוי ווי יענער טראכט און יענער וואלט געטראכט אזוי ווי דו טראכסט, ווי אזוי וואלסטו רעאגירט ווען יענער מאנט דיר צו טון ווי ער פארשטייט.

נאך א ביישפיל: איינער מאנט דיר א חוב וואס דו קענסט נישט באצאלן אויפן פלאץ און דו ווילסט אים בעטן ער זאל דאס נעמען אין באצאלונגען. אדער דו ווילסט ער זאל עפעס טון, קויפן, געבן צדקה אד"ג, טראכט אריין און שטעל דיר פאר אז דו ביסט יענער, און די מעשה איז פונקט פארקערט, דו מאנסט יענעם א חוב וואס ער איז דיר שולדיג, דו ווילסט יענער זאל עפעס טון, קויפן, געבן צדקה, ווי אזוי וואלסט געוואלט די זאך זאל געזאגט אדער באהאנדלט ווערן. צב"ש ביי א חוב ווילסטו גאנץ גוט יענער זאל פארשטיין אז ער איז דיר שולדיג, און ער איז מחוייב צו באצאלן אן קיין תירוצים. אדער צב"ש יענער זאל דיר זאגן דאס וואס ער וויל דו זאלסט טון אבער ס'זאל געזאגט ווערן ווייך און העפליך, נישט באפעלעריש און דיקטאטאריש, און טאמער יא ביסטו גרייט צו שטעלן א ווידערשטאנד און זיך קריגן מיט אים. דעמאלט זאלסטו פונקט אזוי האנדלען ווען דו מאנסט פון יענעם. ווייז רעספעקט!

א קליינע עפיזאד וואס ווייזט ווי גוט ס'קען ארבעטן ווען מ'זאגט די ריכטיגע ווערטער און מ'ווייזט ארויס פארשטענדעניש: ראובן האט געקויפט נייע בענקלעך. ער האט באצאלט א חלק פון די געלט, און א חלק איז געווען אויף בארג. ס'איז געקומען די צייט צו באצאלן און ער האט נישט באצאלט, ווייל ער האט נישט געהאט פון ווי. ער באקומט א טעלעפאן קאל פון דעם געשעפט אז עס איז אדורך דער זמן פון באצאלן, און אויב ער באצאלט נישט ביז א וואך וועט מען נעמען שריט דאס איינצומאנען. אנשטאט זיך אויפצורעגן איז דאס געפארן גאר אנדערש: ראובן ענטפערט "יא איך ווייס, איך האב נישט פארגעסן, אבער איך מוז זיך זייער אנטשולדיגן איך ווארט וויכטיג אויף א טשעק וואס דארף אנקומען פאר מיר ביז אפאר טעג ס'קען נאך נעמען איבער א וואך, איך ווייס אז ס'איז נישט קיין תירוץ און ס'איז נישט שיין פון מיר, איך בין מן הסתם ענקער ערגסטער קאסטומער וכו'." דער געשעפטס מאן ווערט ווייכער און ער ענטפערט "חס ושלום איר זענט א גוטער קאסטומער, דאס איז נישט אזוי געפערליך, פרעג נישט וואס גייט פאר, מיר האבן קאסטומערס וואס האבן אונז ממש בא'גנב'ט און מאכן זיך בכלל נישט וויסנדיג פון די חובות וואס זיי זענען שוין שולדיג חדשים לאנג, אדרבה איר זענט זייער ארנטליך, ס'מאכט זיך אמאל אז מ'איז אונטערשטעליג א וואך צוויי, מיר פארשטייען אייך זייער גוט, אדרבה אויב דארפט איר אביסל מער צייט, קען מען דאס איינטיילן אין צאלונגען"... געדענק! ווען דו גייסט נישט מיט א ווידערשטאנד ווערט יענער ווייכער.

# זי איז נישט אזוי אינטערעסירט צו דערציילן די זאך אדער דעם חלום ווי די עצם הנאה פון דעם אז דו הערסט איר אויס

דאס הייסט אז דו האסט אים פארשטאנען אז ער איז באזארגט פאר זיין געלט, און דו האסט זיך פארענטפערט און געוויזן אז דו ביסט נישט אינטערעסירט זיך ארויסצודרייען, און געזאגט ווי אזוי דו גייסט דאס באצאלן, דו דארפסט פשוט אביסל מער צייט צו קענען באצאלן. ס'איז נארמאל און פארשטענדליך, און צוליב דעם פארשטייט דיך יענער, און מ'קומט זיך אדורך, און זאלסט טאקע איינהאלטן דאס וואס דו האסט געזאגט.

נאך א ביישפיל: דיין בני בית דערציילט דיר עפעס וואס איז פארגעקומען, אדער א חלום וואס זי האט געהאט, דיר אינטערעסירט דאס ווי דער פאריעריגער שניי, און דו כאפסט בכלל נישט ווי אזוי א מענטש קען מאכן א עסק פון אזעלכע קלייניגקייטן, אדער פון א נארישע חלום און דאס נאך איבערדערציילן מיט עקסטאז. אבער זיי נישט נאריש! זי איז נישט אזוי אינטערעסירט צו דערציילן די זאך אדער דעם חלום ווי די עצם הנאה פון דעם אז דו הערסט איר אויס! דאס איז פאר איר זייער וויכטיג, און ווען זי שפירט אז דו ביסט נישט אינטערעסירט איר אויסצוהערן ביסטו איר טיף מצער. אדער צב"ש ווען זי מאכט א פענסי קעיק, טאקע ריכטיג אז דו מיט דיין מענערישע קאפ פארשטייסט בכלל נישט וואס איז די אויפטו דערפון, דו האלטסט אז א פשוטע קעיק איז אסאך וויכטיגער און נוצבאר, ביי דיר איז דאס די גרעסטע שטות וואס קען נאר זיין, וואס איז די צוועק פון זיך אנפלאגן און ארבייטן צוליב א פענסי קעיק? אבער מאך איר נישט אוועק! וואס א חילוק צו ס'איז וויכטיג אדער נישט, למעשה זי איז א פרוי און זי האט יא א געשמאק דערין, זאג א קאמפלימענט! וואס שטערט דיר צו געבן אביסל חיזוק און אפילו צוהעלפן? פארוואס דארפסטו אריינווארפן זויערס? ווער שוין אביסל זיס, וועט דאס צוריקקומען כמים פנים לפנים. און געדענק, זי טראכט אויף אסאך זאכן וואס דו האסט ליב אז ס'איז שטותים! צב"ש דו האסט ליב צו רעדן און הערן אדער ליינען חסיד'ישע פאליטיק, אדער צו דרייען דיינע פיאות צען מינוט אין א ציה, וואס דאס איז נאך א גרעסערע שטות ווי מאכן א פענסי קעיק. יעדער האט א געשמאק לויט זיין נאטור, מענער, פרויען, קינדער, און ווילאנג ס'איז אויסגעהאלטן זאל מען געבן יעדן איינעם צופרידנהייט און אנערקענונג. דאס איז 'ואהבת לרעך כמוך זה כלל גדול בתורה'.

דאס זעלבע ווען קינדער שפילן זיך צו






בית הוראה
קהל יטב לב סאטמאר, קרית יואל

# זמני לשכת בית הוראה

24 שעה הוראה לייו:
845.783.0546
לשכת בית הוראה:
6 גארפיעלד רד. #013

משעה 7:00 עד 8:50 בבוקר
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג רבי יעקב יודא ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר

חדש
משעה 9:00 עד 9:45 לפנצ"ה
הרה"ג רבי מרדכי דוד יוראוויטש שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'

חדש
משעה 9:45 עד 10:30 לפנצ"ה
הרה"ג רבי משה זאב שווארץ שליט"א
מו"ץ בביהמ"ד בית יקותיאל

משעה 10:30 עד 12:15 אחצ"ה
הרה"ג רבי בערל ראזענבערגער שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה

משעה 12:30 עד 2:00 אחצ"ה
הרה"ג רבי שלמה יונגער שליט"א
דומ"ץ טאהש

משעה 2:00 עד 3:30 אחצ"ה
הרה"ג רבי מנחם מענדל ווייס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב

משעה 3:30 עד 5:15 אחצ"ה
הרה"ג רבי מנחם נתנאל יונגרייז שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב

משעה 5:15 עד 6:15 אחצ"ה
הרה"ג רבי יואל ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב נחמי'

משעה 6:15 עד 7:00 אחצ"ה
הרה"ג רבי בערל ראזענבערגער שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה

משעה 7:00 עד 7:30 בערב
הרה"ג רבי יצחק בריזל שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'

משעה 7:30 עד 9:00 בערב
הרה"ג רבי שמואל יעקב מייזעלס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מרדכי לייב

משעה 9:00 עד 10:10 בערב
הרה"ג רבי שבתי קאהן שליט"א
מורה צדק בקהלתינו הק'

משעה 10:10 עד 10:45 בערב
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג רבי יעקב יודא ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר

ערב שבת קודש: עד שעה 2:00 הכל כרגיל בכל יום

נאענט צו די טיר פון שול און שטערן, אדער שבת נאכמיטאג נעבן דיין פענסטער און זיי שטערן די שלאף, אנשטאט זיי אנצושרייען און פארטרייבן, קענסטו זיי זאגן שיין און העפליך אז מ'דאווענט אדער אז דו ווילסט שלאפן און אויב זיי קענען זיך שפילן ארויפציר אויף א פלאץ ווי ס'שטערט נישט קיינעם, און שטעל איינעם פון די קינדער אז ער זאל אכטונג געבן אויף דעם אד"ג. האסט זיי נישט אוועקגעמאכט, האסט זיי רעספעקטירט אז זיי מעגן שפילן, און מסביר געווען ווי אזוי זיי קענען טון די זעלבע זאך אן דעם וואס ס'זאל איינעם שטערן, און אויב זיי שפילן זיך אויף א וועג וואס איז א סכנה קענסטו זיי אויך מסביר זיין פארוואס מ'קען אזוי נישט שפילן, וועלן זיי דאס פאלגן אפילו ווען דו זעסט נישט, ענדערש ווי דו זאלסט זיי סתם אזוי אנשרייען.

נאך א ביישפיל: א בוילער פון א גרויסע בילדינג האט זיך צובראכן אינמיטן ווינטער, דער בעל הבית פארלאנגט פון דעם פלאמבער אז די ארבייט זאל נישט געדויערן מער ווי א שעה, כדי די טענענטס זאל נישט האבן קיין טענות, אבער לויט דו אומשטענדן איז דאס נישט מעגליך. דער ארבייטער זאגט דעם בעל הבית איך פארשטייט אז ס'איז דיר זייער וויכטיג אז ס'זאל זיין ווי שנעלער פארראכטן, אבער אויב מאך איך דאס אין איין שעה לוינט זיך דאס נישט. ווייל ס'וועט נישט זיין פולקאם גוט און נישט פראפעסיניאל, און ס'קען ברענגען אז דער בוילער זאל אינגאנצן קאליע ווערן און מ'וועט מוזן קויפן א גענצליך נייער בוילער, וואס דעמאלט וועט דאס געדויערן פיר פינף שעה, און ס'וועט קאסטן אסאך געלט. דער בעל הבית האט דאס זייער גוט פארשטאנען וויבאלד ער האט מקדים געווען אז ער פארשטייט אים זייער גוט, אבער ער מיינט נאר זיין טובה. דאס ארבייט בעסער ווי ער זאל אים זאגן סתם טרוקן אז ער קען דאס נישט מאכן אין איין שעה.

איך קוק ארויס
אז דו זאלסט
מיר העלפן
אנפירן די
ארדענונג אין
כתה אגאנץ יאר,
אז אונזער כתה
זאל הייסן די
בעסטע כתה פון
די גאנצע חדר

## ד. מאך אים זאגן יא פאר'ן ניין

ווען דו הייבסט אן רעדן מיט א מענטש, הייב נישט אן מיט דעם ווי עטס האט א מיינונגס פארשידנהייט, אדער עפעס וואס דו ווילסט אים איבעררעדן צו טון. הייב אן מיט עפעס וואסביידע פון ענק שטרעבן דערצו, און מאך קלאר אז דאס איז ענקער שטרעבונג. טרעף עפעס וואס איר זענט ביידע איינשטימיג, אדער עפעס וואס איר האט ביידע פון די זעלבע זאך, אדער אפילו עפעס א משפחה נאענטקייט, אדער וואס ביידע פון ענקערע עלטערן האבן געהאט א שייכות, און מאך דערפון א שמועס. דאס בעסטע איז ווען דו קענסט צו ברענגען ער זאל עטליכע מאל זאגן מיט זיין מויל יא! יא! ריכטיג! 'איך האלט אויך אזוי'! אדער 'איך ווייס אויך דערפון'! פאר דו הייבסט אן צו רעדן פון דעם וואס דו האפסט אז ער וועט מיט דיר מסכים זיין, און אז ס'לוינט זיך צו טון די געוויסע זאך.

די עצה קען מען נוצן אויך ווען איינער האט אויף דיר פארשידענע טענות. הייב אן צו רעדן מיט אים וועגן פארשידענע חלקים אין דער נושא וואס ער פארשטייט אויך ווי דיר, און ערשט נאכדעם קען מען ארויפברענגען די חלקים דערפון וואס ער איז נישט מסכים דערצו, און דאס באהאנדלען ווי ווייט ס'מאכט אויס אויף די זאך. צו ס'איז אזוי ווי ער האלט, אדער אזוי ווי דו האלטסט. דער עיקר איז ער זאל איינזען אז דו פארשטייסט זיין צד און זיין בליק אויף די זאך, און דו האסט אים אויסגעהערט עד הסוף מיט געדולד און איינזעעניש, און ערשט נאכדעם קענסטו ארויסברענגען דיין צד.

## ה. מאך אים וועלן אויסהערן

איינער וואס גיבט ארויס א נייע פראדוקט און וויל עס אריינגעבן אין די געשעפטן. ס'איז דא געשעפטס-לייט וואס נעמען שווער אן א נייע פראדוקט, נישט וויסנדיג אויב ס'וועט זיך גוט פארקויפן און ס'וועט סתם אפליגן ביי אים. א געניטער סוחר, נאך דעם וואס דער געשעפט-מאן זאגט אים אפ, רופט ער אים אן אנדערע מאל, און הייבט אן מיט א העפליכע 'גוטן טאג וואס מאכסטו?' און נאכדעם זאגט ער "איך שאץ אפ גוט דיין טייערע צייט, אבער נאכמער שאץ איך אפ דיין גרייטקייט מיר אוועקצוגעבן א קליין ביסל צייט, און מיר געבן א שאנס דורך אויסהערן צוויי דריי מינוט, ווייל דאס ערשטע מאל האב איך פארפעלט עטליכע נקודות וואס איך וויל יעצט ארויסברענגען וועגן דעם פראדוקט, און איך ווייס אז דו ביסט א מענטש וואס ווען דו זעסט עפעס איין קענסטו טוישן דיין מיינונג אפילו ווען דו האסט פריער געהאלטן אנדערש." וויבאלד דו האסט אנגעהויבן מיט א לויב אויף זיין גרייטקייט אויסצוהערן און אז דו ווייסט אז זיין צייט איז טייער, וועט ער געווענליך אוועקגעבן פאר דיר פינף צען מינוט, און אויך וועט ער ווייכער זיין אנצונעמען דעם פראדוקט.

דער מהלך ארבייט אויך אויף שווערע, ווילדע קינדער. ס'איז געווען א ווילדער צולאזטער אינגל וואס די מלמדים האבן זיך נישט געקענט מיט אים אן עצה געבן, ביז איין יאר אין דעם ערשטן טאג האט דער מלמד געזאגט פאר דעם אינגל איך האב געהערט אז דו האסט א ספעציעלע פעהיגקייט אז דו קענסט גוט אנפירן; דו ביסט גאר א גוטער ארגאניזירער, איך האב דעריבער זייער הנאה אז דו ביסט אריינגעקומען אין מיין כתה, איך קוק ארויס אז דו זאלסט מיר העלפן אנפירן די כתה מיט ארדענונג און הארכזאמקייט אגאנץ יאר, אז אונזער כתה זאל הייסן די בעסטע כתה פון די גאנצע חדר. מה עשה הקב"ה? דאס קינד האט טאקע מיטגעארבייט! כמעט יעדן טאג האט ער געטראפן עפעס מיט וואס אויסצורימען דאס קינד, און זיך נישט אלס ווינסדיג געמאכט פון קלייניגקייטן וואס מ'האט געקענט פארקוקן, ער האט זיך נישט פארלייגט אויף זיינע נישט גוטע זאכן נאר דוקא אויף די גוטע זאכן און דאס אונטערגעשטראכן און ארויסגעברענגט, דאס קינד איז געווארן א מענטש, און אלעס איז געפארן אויף רואיגע שטילע וואסערן.

די וועלט זאגט "גיב אים א טיטל, דאס איז א גוטע מיטל" - ווען איינער פוילט זיך אונטער מיט א געוויסע ארבייט, גיב אים א חשוב'ע טיטל; מאך אים אויפזעהער אדער גבאי אויף די זאך, איינמאל מ'באטיטלט אים מיט א נאמען, גבאי, אויפזעהער אד"ג, האט דאס שוין גאר א אנדערע באדייט. ער איז נישט סתם אן ארבייטער, ער איז יעצט געשטעלט אויף א וויכטיגע פאסטן; ער איז דער אויפזעהער און דער בעל אחריות. די גאנצע פלאץ/פראיעקט ווענדט זיך אין אים. דאס גיבט אים קוראזש און וויכטיגקייט, חשק און מוט.

רביה"ק זי"ע ווען ער האט געוואלט שטעלן ממונים אין בית המדרש ארומצוגיין מעורר זיין מ'זאל נישט שמועסן, האט ער זיך נאכגעפרעגט ווער זענען די גרעסטע שמועסערס, און ער האט זיי גערופן אויף א מיטינג, ער האט זיי ערקלערט אז ער זוכט זייער וויכטיג משגיחים מעורר צו זיין מ'זאל נישט רעדן ביים דאווענען, און ער טראכט אז זיי וואלטן געווען זייער פאסיג פאר דעם. ער האט ארומגערעדט איבער די גרויסע מצוה און געהויבענער תפקיד וואס זיי באקומען, און ער וויל פון זיי באקומען א רעפארט יעדע שטיקל צייט. דאס האט געארבייט ערשט קלאסיג, ווייל ער האט זיי געגעבן א געהויבענעם געפיל ווען ער האט זיי אריינגענומען אין די עבודה צו באקעמפן דאס שמועסעריי.

## ו. דריי איבער דיין בײנט צו א פריינט

ווען דו ארבעטסט צוזאמען מיט איינעם וואס האט דיר נישט אזוי ליב, פרוביר אים צו געבן א גוטע געפיל אז דו ביסט איבערצייגט אין זיינע קענטעניסן און פעהיגקייטן. ווען ער זאגט אמאל א געדאנק (וואס איז אפילו נישט מורא'דיג) רוף דיר אן "אה! דאס איז זייער א שיינע און ריכטיגע געדאנק!" אדער קענסטו אים זאגן "וויבאלד דו האסט אסאך ערפארונג און קלוגע צוגאנג צו קאמפליצירטע זאכן, וויל איך זיך שואל עצה זיין מיט דיר איבער עפעס א זאך" (טראכט דיר עפעס אויף און פרעג אים כאילו דו דארפסט טאקע זיין עצה.) און ווען ער זאגט דיר זיין עצה, באדאנק אים זייער שיין עטליכע מאל, און נאך אפאר טעג זאג אים אז די עצה העלפט זייער שטארק און אז ער האט געטון מיט דיר א גרויסע חסד, און דו ביסט אים זייער דאנקבאר. אזעלכע זאכן האט אין זיך א צויבער קראפט צו דערנענטערן הערצער. א בחור קען צוגיין צום מגיד שיעור און זאגן "די היינטיגע שיעור איז געווען הפלא'דיג! דער מגיד שיעור האט זייער קלאר ארויסגעברענגט דעם ענין!" חוץ וואס דאס גיבט געוואלדיג חיזוק, מאכט דאס אויך מ'זאל זיך ליב האבן. דאס זעלבע ווען צוויי נאענטע חברים/קרובים האבן סיי וועלכע פירערשאפט איבער א ציבור, ווי שיין און ווי זיס איז ווען יעדער פון זיי זאל געבן חיזוק פאר'ן צווייטן און זאגן ווי גוט און ווי שיין ער פירט אויס זיין אויפגאבע, און אז הלואי וואלט ער אויך געקענט אזוי גוט פירן. דאס וועט ברענגען שלום און אחדות, צוזאמען מיט אלע ברכות וואס גייען אריין אין די גרויסע כלי פון שלום. (זיכער זאל נישט איינער מקנא זיין דעם צווייטן, ווייל אויב גלייבט ער עכט אין השי"ת, ווייסט ער זייער גוט אז קיינער קען נישט אוועקנעמען וואס ס'קומט זיך פאר אים.)

געדענק גוט! די עצם זאך אז דו ווייזט פאר יענעם רעספעקט, און דו גיבסט יענעם א געפיל פון וויכטיגקייט אז דו ביסט זיך שואל עצה מיט אים, און דו ביסט אים מכבד, קויפסטו אים מיט דעם אפ! ס'מאכט אים נאענטער מיט דיר. אויב אזוי פארוואס טאקע זאלסטו דאס נישט טוהן?! דער פסוק זאגט 'ובו תדבקון' - מ'זאל זיך כביכול באהעפטן אין השי"ת, זאגן חז"ל (ויקרא רבה כה, ג, סוטה יד.) הדבק במדותיו - באהעפט דיר אין די גוטע מדות וואס השי"ת האט אונז געלערנט, און השי"ת האט אונז געוויזן א וועג ווען ער האט זיך באראטן מיט די מלאכים, צו ווייזן אז כל שכן א מענטש זאל זיך באראטן מיט קלענערע פון אים (רש"י בראשית א, כו ועי' סנהדרין לח:).

מ'קען דאס זען ביי מענטשן וועלכע זענען געשטעלט אויפ'ן ציבור מיט סיי וועלכע פירערשאפט, ס'איז דא וואס לאזן נישט צו א צווייטנס מיינונג, אדער גיבן נישט אוועק קיין כיבודים פאר אנדערע אין זייער אייגענע שול, בית חינוך, ארגאניזאציע אד"ג, כאטש ער איז א גרויסע עניו, און אינדרויסן פון זיין קהלה/ארגאניזאציע איז ער בכלל נישט אינטרעסירט אויף כיבודים, און גיבט אלעס אוועק פאר אנדערע, אבער ביי זיך האלט ער אז 'אין שני מלכים משתמשים בכתר אחד', מ'קען נישט איבערגעבן. ווידער אנדערע פירערס און מנהיגים האבן דערין אן עין טובה, ווען ס'קומט צו זיי אן אנדערע מכובד'יגער מענטש לאזן זיי אים צו, זיי הערן אויס זיין מיינונג, און גיבן אוועק פאר אים כיבודים צב"ש שישי, תורה זאגן, ה' מלך א.א.וו. אפילו אויב זייערע אייגענע מענטשן האבן טענות דערויף, און אפילו אויב יענער וויל דאס נישט נעמען בעט ער זיך צו אים "טוט מיר א טובה איך האב הנאה צו הערן אייער תורה, איך בין זיך ממש מחיה דערמיט, דער עולם באלעקט זיך אויך דערמיט" למעשה זעט מען אז די וואס גיבן אוועק זייער כבוד זענען אסאך מער ארויפגעקוקט און הויכגעשעצט ביי יעדן איינעם, מער ווי די וואס האלטן דעם כתר מלוכה פאר זיך, כאטש זיי האבן א כוונה לשם שמים, ווייל דער פסוק זאגט (משלי ג, לד) ולענוים יתן חן, און מיט א פסוק קען מען זיך נישט קריגן. אויך דער זוה"ק (חיי) זאגט 'מאן דאיהו רב איהו זעיר מאן דאיהו זעיר איהו רב', און אפילו אויב ס'איז נישט מחמת גאוה נאר מיט א גוטע כוונה, דאס איז דער פאקט! און אויב ס'איז אזוי ביי רבנים איז זיכער ביי סתם מענטשן אז מ'זאל פארגינען פאר יענעם דעם גאנצן כבוד און זיך פרייען דערמיט.

נאך א ביישפיל: יענער האט דיר געכאפט ביי א קליינע נישטיגע גרייז, וואס נארמאל וואלט מען זיך נישט געדארפט מאכן וויסנדיג דערפון, אבער יענער האט דאס אויפגעבלאזן און געמאכט דערפון א גאנצע בארג און דיר פארשעמט דערפאר, דו האסט א ברירה אים צוריקצוגעבן דאפלט און מאכן א גאנצע קריגעריי, אדער שטארק דיר אויף דיינע פערזענליכע געפילן, ווארט אפאר טעג, נאכדעם רוף אים אן און זאג אים "איך וויל דיר איבערבעטן וואס איך האב דיר אזוי ווי געטון מאכנדיג אזא גרייז אז ס'האט דיר ארויסגעברענגט פון די כלים." יענער וועט דאס אוועקמאכן האסט מיר בכלל נישט וויי געטון א.א.וו. זאג אים "אבער איך האב געדארפט מער אכטונג געבן נישט צו מאכן אזא מורא'דיגע גרייז. אנטשולדיג מיר זייער שטארק וואס צוליב דעם האב איך דיר אויפגערעגט אזוי שטארק, אז דו האסט געמוזט רעאגירן שארף קעגן מיר. איך פארשטיי אז ס'איז דיר נישט געווען בא'טעמ'ט." געוועונליך וועט יענער זיך פארענטפערן אז אדרבה ער האט נישט געדארפט וועגן דעם ארויסגיין פון די כלים, אדער וועט ער זאגן אז ער איז באמת 'נישט' ארויס פון די כלים, אבער דו זאלסט זיך האלטן ביי דיינעם אז דו דארפסט אים איבערבעטן פאר'ן אים צוברענגען דיך צו פארשעמען, און ער וועט זיך דארפן ארויסדרייען, און אזוי וועט זיין שלום על ישראל, און ער וועט באקומען זיין מעסעדזש.

## ז. יענער וויל נאר וואס ער וויל, פונקט ווי די ווילסט נאר וואס דו ווילסט

ווען דו ווילסט קונה זיין יענעמ'ס הארץ, רעד נישט פון דעם וואס 'דו' ווילסט. כאטש דו ביסט טאקע אינטרעסירט אין דעם וואס 'דו' ווילסט, מיינט נאך נישט אז יענער איז אויך אינטערסירט. (חוץ ווען מ'בויעט אויף א קולט, אזוי אז יענעמ'ס מוח ווערט איבערגענומען פון דיין מוח, לפי שיטת השוואנצאנעס וקב חומטון.) יעדער איז אינטערסירט נאר אין דעם וואס ער וויל, און נישט אין דאס וואס דער צווייטער וויל. צו בהמות קען מען נישט רעדן, אבער צו מענטשן מוז מען רעדן און זיי איבערצייגן זיי זאלן וועלן דאס וואס איז באמת גוט פאר זיי.

"איך וויל דיר איבערבעטן וואס איך האב דיר אזוי ווי געטון מאכנדיג אזא גרייז אז ס'האט דיר ארויסגעברענגט פון די כלים."

די תורה הקדושה זאגט (פ' ואתחנן) זאלסט זאגן צו דיין קינד אז די גאנצע תורה איז 'לחיותינו כהיום הזה' - אונז ברענגען צו לעבן און גליק. די גאנצע תורה איז פול מיט דעם. מיר זאגן אויך פאר ק"ש 'כי הם חיינו ואורך ימינו. דאס זעלבע ביי גשמיות, ווען מ'וויל מאכן איינער זאל אויפהערן רייכערן אד"ג איז נישט גענוג צו זאגן אז ס'שטערט דיר אדער אנדערע, זאג אז ער מוז אויפהערן ווייל ס'איז נישט געזונט פאר **אים** און ס'מאכט **אים** חרוב, און ווייז דאס איבער, דאס ווירקט מער.

געדענק! יענער וויל נישט דאס וואס **דו** ווילסט נאר וואס **ער** וויל, פונקט ווי דו ווילסט נישט וואס ער וויל נאר וואס דו ווילסט. פונקט ווען דו ווילסט כאפן פיש אין ים פארשטייסטו, אז נישט ווייל דו האסט ליב סטראבערי מיט סמייטע מיינט דאס אז אויך די פיש האבן דאס ליב... ווען דו ווילסט כאפן פיש דארפסטו לייגן א ווערימל אד"ג.

## ח. די מאבט פון דראמטישע פארשטעלונגען

דער וועג ווי אזוי דו רעדסט צו יענעם דארף זיין מיט א לעבהאפט און מיט ריכטיגע באוועגונגען, אבער אויך פול מיט אינהאלט און שכל'דיגע איבערצייגנדע געדאנקען. היינט איז א וועלט פון חיצוניות, דער עיקר צוציאונגס קראפט איז דורך דראמיטיזאציע. סתם זאגן דעם טרוקענעם אמת'דיגע פאקט און אראפשטעלן ציפערן, איז ווייט נישט גענוג. דאס איז גוט פאר ערנסטע דורכגעטראכטע מענטשן וואס קוקן ביי יעדע זאך דאס פנימיות, זיי שאצן נישט א בוך לויט זיין דעקל, און די ווייין לויט די פלאש, אבער סתם אויבנאויפיגע מענטשן ווערן נישט נתפעל און באווירקט נאר ווען ס'קומט קאלירפול און דראמאטיש. צוליב דעם ווייסט יעדער סוחר אז די עיקר הצלחה איז די חכמה און אויסשטעלונג פון די אויג-פארכאפנדיגע שוי-פענסטער און די פארשידנארטיגע אדווערטייזמענט. ס'איז פונקט אזוי וויכטיג ווי די סחורה אליין. פונקט ווי ווען איינער איז מסביר א שווערע ענין און ער מאכט נישט קיין שום באוועגונגען (מאושנ'ס) ער ריקט נישט די קאפ, און דער טאן איז די גאנצע צייט די זעלבע אן קיין שום טויש, און די הענט באוועגן זיך נישט, דאן האט ער שוואכע שאנסן מ'זאל אים אויסהערן.

אבער חיצוניות אליין איז נישט גענוג, דו מוזט אנפולן דיין געשעפט מיט סחורה און געבן שנעלע סערוויס, און דאס איז אויך נישט גענוג אויב דער וואס שטייט ביים טישל איז א זויערער מענטש, אדער צוריקגעצויגן, רעדט שטיל און געמאסטן, אדער גאר פארקערט ער רעדט צופיל און איז א נודזש, דעמאלט איז גארנישט ווערד די אלע שוי-פענסטערס און אדווערטייזמענט, מענטשן שפירן נישט באקוועם אריינצוגיין דארט, ווען מ'גייט נאר אריין טראכט מען אוי! וויאזוי ווערט מען פטור פון דעם נודניק, מ'איז נישט באקוועם און רואיג מיט דעם אטמאספער. מ'דארף האבן די ריכטיגע סקילס, העפליך אבער נישט צו העפליך. איי וועסטו פרעגן ווי איז דער גבול? דאס איז נישט שייך צו שרייבן, מ'קען דאס נישט אויסרעכענען הונדערט פראצענט פונקטליך קיינער איז נישט קיין מלאך. דריי דיר צווישן מענטשן ווער אביסל אויסגעריבן וועסטו אליינ'ס וויסן דעם גבול.

אבער נאך אלע גוטע עצות ווען דו ווילסט קונה זיין יענעמ'ס הארץ וועלן זיי נישט העלפן נאר אויב דו ברענגסט דאס אריין למעשה'דיג אין די טאג טעגליכע מעשים, און דו וועסט דאס פראקטיצירן ריכטיג און אויפ'ן פלאץ וואס צו דעם דארף מען צולייגן קאפ, אבער אז מ'האט דאס נישט איז א שאד די גאנצע זאך. השי"ת זאל העלפן מיר זאלן קענען זיך פארבעסערן בין אדם לחבירו און קענען אויפטון און משפיע זיין צו טון א נחת רוח און מרבה זיין כבוד שמים אכי"ר.


אין די ראַמען פון דעם קאָלום ווערט געגעבן די געלעגנהייט פאַר די "וואָכנשריפט" ליינער צו אַריינשיקן אַלע סאָרט שאלות און פראַגעס בעניני השקפה, וואָס ווערט אַדרעסירט לויט'ן סדר, און געענטפערט בטוב טעם ודעת דורך דער חשוב'ער דיין שליט"א

**מען קען אַריינשיקן סיי וועלכע אָנפראַגע אָדער שאלה דורך דעם טעלעפאָן נומער 845.774.6234**

**עקס. 6 אָדער אויף אימעיל Questions@kyweekly.com**





OWL SECURITY

אברהם יהושע בינער | 845.782.8090

sales@owlsecurityinc.com




# א הייסער שווייס האט ארויסגעשלאגן אויפ'ן געזיכט פונעם רב

אין נאשעלסק איז אומעטיג, פארכמורעט, שוין נישט זאגן אנגעצויגן, דער עולם דרייט זיך ארום דערשלאגן, צוטראגן, צוקלאפט, פארביטערט, מען ווייסט נישט וואס צו טאן.

א רואיגע שבת'דיגע שטילקייט איז געלעגן אויסגעגאסן אויפ'ן שטעטל. פוסט אין די גאסן; טיר און לאדן פארמאכט. דא און דארט האט זיך א בלוי רויכל געשלענגלט פון אן אויוון קוימען, וואס דאס שבת-גוי האבן געהייצט די אויוונס אין די אידישע הייזער, פאר א שטיקל קוכן, אדער חלה.

א קאלטער שארפער פראסט האט איינגעפרעסט די לופט אין יענעם שבת פרימארגן, און געמאכט סקריפען דעם זילבער פינקל'דיגן שניי אונטער די פיס.

פון דער מקוה, וואס איז געשטאנען אונטער דעם רב'ס דירה, ביים טייכל, האבן זיך ארויסגעשליכן פארהילטע געשטאלטן, מיט וואסער-טריפענדיגע בערד און פיאות, ארומגעוויקלט די העלזער מיט האנטוכער, און שנעל געלאפן - טאפטשענדיג אין דעם שניי - צו יואל'קע דעם בעקער טרינקען א הייסע גלאז טיי, זיך דערווארימען די אויסגעפרוירענע ביינער.

אין דער "טשיינע", ביי יואל'קען, האט געהערשט א דערדריקענדיגע שטילקייט. יעדער האט געזופט זיין טיי מיט אן ערנסטע מינע, ווארפנדיג בייזע בליקן אויפ'ן שכן. עס איז קענטיג געווען, אז עס איז עפעס וואס פארלאפן אין שטעטל, וואס האט פארשטערט די גוטמוטיגע שטימונג, צו וועלכער די נאשעלסקער אידן זענען געוואוינט געווען מימים ימימה.

עס איז טאקע געווען א גרויסע מחלוקת אין שטעטל. אנגעהויבן האט זיך עס באלד נאכדעם, ווי די פשיסכער און קאצקער חסידים האבן ארויסגעשטעלט די קאנדידאטור פון קראשניעוויצער רב, רבי אברהמ'עלע, דעם רבינ'ס איידעם, פאר'ן נאשעלסקער רבנות. (אזוי האט מען דאן גערופן דעם גרויסן פולישן גאון וצדיק, הגה"ק רבי אברהם בארנשטיין זי"ע, דער בעל "אבני נזר" מסאכאטשאוו, וועלכער איז געווען אן איידעם ביים גרויסן צדיק וקדוש השרף מקאצק זי"ע).

ביי יעדע רבנות פראגע איז דא צדדים לכאן ולכאן, מאנכע ווילן אזוי און מאנכע ווילן אזוי. און עס איז שטענדיג דא מענטשן וואס מיינען אז זיי מיינען גוט, און מיינען אז זיי מיינען ערליך. אבער עס איז אויך דא פארדארבענע לייט, וואס ווילן פשוט נישט האבן אויף זיך א רב, און ווער שמועסט נאך אן ערליכן רב וואס וועט זיי שטיין אין וועג. די "משכילים" אין שטעטל האבן זיך עקשנות'דיג אנטקעגנגעשטעלט. "בלוט וועט זיך גיסן, אויב ר' אברהמ'עלע וועט דא ווערן רב!" - האבן זיי געווארענט. און זיי האבן נישט געווארנט אויפ'ן "ניכטערן מאגן". זיי זענען געווען אומשטאנד דערויף.

*

די "משכילים" און "מאדערנע" בעלי-בתים, מיט די צוגעשוירענע בערדלעך, האבן וועלטן איינגעלייגט. עס זענען דערגאנגען צו זיי קלאנגען פון ר' אברהמ'עלעס פריערדיגער רבנישער אויפפירונג אין פארטשעוו און אין קרושניעוויץ; ווי שטרענג ער האט זיך באצויגן צו די בעלי-בתים און קצבים; פאר א "קוצו של יוד" האט ער אויסגערופן איסורים; זיי האבן פשוט מורא געהאט אריינצונעמען א רב, אזא "מחמיר" ביי זיך אין שטעטל.

אזוי ווי בוימל אויפ'ן פייער, האט נאך געווירקט די קארלסבאדער מעשה, וואס א ווארשעווער

בס"ד
אחיעזר
M. 6 Van Buren Dr. #102
Monroe NY 10950
P. 845.637.7778
E. office@achiezerky.org
מקדמים אנו בברכה את פני הני מוסרי נפש הלא המה המנהלים החשובים אשר באו מהתם להכא לכתת רגלם לקיום וביסוס חינוך הטהור בארה"ק
הרב אברהם ישראל קרישעווסקי שליט"א
הרב שניאור קצילנבויגן שליט"א
מוסדות תורה ויראה ירושלים בית שמש ביתר ועוד
סוג: ישוב הישן
הרב שמעון דאווידאוויטש שליט"א
ת"ת דושינסקיא הר יונה
סוג: חסידי דושינסקיא
הרב יחיאל פריי שליט"א
ת"ת מנחת ברוך באידיש קרית ספר
סוג: בני תורה וחסידים
אנ"ש תלמידי וחסידי רביה"ק זי"ע
בואו והשתתפו בהמוניכם לחזק הני מוסרי נפש אשר עזבו משפחה ובאו לדרך רחוקה רק כדי לקיים את התורה בארה"ק שלא להנות מצפרני רשעים אפי' בזוז כל שהוא
הנהלת אחיעזר קרית יואל

אינגערמאן האט דערציילט: עס איז געווען פארגאנגענעם זומער אין קור-ארט קארלסבאד. ר' אברהמ'עלע, וואס האט א גאנצן ווינטער געליטן פון א קייך-הוסט און א שטעכעניש אין זייט, איז ער לויט די ראט פון דאקטוירים אהינגעפארן זיך אביסל דערהאלן אין געזונט.

באלד דעם ערשטן שבת, גייענדיג דאווענען אין שול, האט ער באמערקט ווי ביי א טיר פון אן אפן זילבער-געשעפט שטייט א מאן מיט א צוגעפוצט בערדל און רויכערט זיך א ציגאר.

ר' אברהמ'עלע, וואס האט אביסל געקענט לייענען "גוי'איש", האט איבערגעלייענט די שילד פון געשעפט, דארט איז געווען אויפגעמאלן מיט דיקע שווארצע שריפט די ווערטער: מאזעס כהן. ר' אברהם האט נישט געטראכט קיין סאך, ער איז מיט שנעלע טריט צוגעלאפן צום "דייטשל" און געפרעגט מיט הייליגער ווייטאג:

"זינד זי דער "בעל-הבית" פון געוועלב?"

"יאוואהל! - האט דער "יעקע" מיט א שמייכל גוטמוטיג געענטפערט - "איך בין, דער אייגנטומער פון געשעפט".

דאס בלוט האט א שפאר געגעבן ר' אברהמ'לען אין פנים. ער האט אויפגעהויבן די רעכטע האנט, און אראפגעלאזט א פאטש דעם פערשוין וואס איז געשטאנען נעבן אים.

דער "יעקע" איז צוטומלט געווארן. ער האט אויסגעגלאצט אפאר גרויסע קעלבערנע אויגן, און הילפלאז אויסגעשטרעקטביידע הענט, ווי איינער פרעגט: וואס איז דאס פאר אן אנשיקעניש אויף מיר?

ביז דאס "דייטשל" איז צו זיך געקומען, איז שוין ר' אברהמ'עלע געווען אין שול.

"פרעגט שוין נישט, וואס עס האט זיך אפגעטאן יענעם טאג אין קארלסבאד!" - האט דער ווארשעווער אינגערמאן דערציילט - "די גאנצע פאליציי איז ארויסגעלאפן ווי פאר'סמ'טע מייז זוכן דעם אנפאלער. ערשט פארנאכט, צו שלוש סעודות, האבן זיי אים געפאקט. א נס איז געשען, וואס די חסידים, קור-געסט, און דייטשע ראבינער האבן זיך איינגעשטעלט פארן "פאלנישן זשעני" (דאס הייסט: פוילישער גאון), און "גראנד-ראבינער", און עס איז זיי געלונגען אפצושרייען דעם ארעסט-באפעל. ר' אברהמ'לע איז אפגעקומען נאר מיט א געלט-שטראף.

דער קעגנערישער צד פון קרושניעוויצער רב איז געווען א גרויסער. זיי וואלט זיכער געווען געלונגען אויסצופירן דאס זייעריגע, ווען נישט דאס וואס עס האבן זיך ארייגעמישט אין דעם געפעכט, דער גאון הרה"ק ר' יהושע'לע קוטנער זי"ע, און הרה"ק ר' חיים אליעזר דער קאלישער רב זי"ע, ביידע רבנים מיט א גרויסן ווארט אויף אלעם וואס עס טוט זיך אין די רבנות וועלט, וואס זענען געקומען צו פארן אויף שבת קיין נאשעלסק, געזאגט דרשות, און גערימט ר' אברהמ'עלעס גאונות און צדקות. זיי האבן אויך געזאמלט אונטער-שריפן אויפ'ן "כתב רבנות". אזוי ארום איז ר' אברהם געווארן נאשעלסקער רב.

*

דער פחד פון די משכילים און "געשוירענע" איז נישט געווען אומבאגרינדעט. דער נייער רב האט גענומען רודפ'ן מיט גרויס קוראזש די "דייטשלעך". ער האט זיי פארפאלגט "עד חרמה". ער האט אנגעהויבן ארומגיין אין די קרעמלעך, קאנטראלירן די וואגן און מאסן, אויב זיי זענען ריכטיג, נישט געפעלשטע.

אפילו א גוי טאר מען נישט נארן! - האט ער געפייערט אויף א קרעמער, וואס האט זיך פארענטפערט, אז ער נוצט די פאלשע וואג נאר פאר פויערים. דערפאר האט אים דער רב גע'קנס'ט מיט א גאנג "משניות'ן" פאר'ן בית המדרש!

דעם גאנצן "שפוך חמתך" האט ער אויסגעגאסן אויף דאס "אינגווארג", וואס שפאצירט א גאנצן הייליגן שבת אין די גאסן, אין די פעלדער, אנשטאט צו זיצן אין בית המדרש און לערנען די הייליגע תורה.

די לאגע אין שטעטל איז געווארן אנגעצויגן. דאס פולווער-פעסל האט אויסגעשאסן נאכדעם ווי דער רב האט גע'אסר'ט מיטאמאל צוויי שוחטים פון דער שחיטה. די גע'אסר'טע שוחטים האבן געהאט אין שטעטל פיל פריינד און משפחה. זיי האבן אויפגעהויבן א גרויס געוואלד: סטייטש? צוליב "דברים של מה בכך" אוועקרייסן דאס שטיקל ברויט פון גאנצע פאמיליעס?

דאס פייער פון מחלוקת האט זיך צושפרייט וואס ווייטער און ברייטער און ארומגעכאפט דאס גאנצע שטעטל. און עס האבן אנגעהויבן צו פליען מסירות רעכטס און אויף לינקס, ביז עס האט דערגרייכט צום רב.

יענער שבת איז גראדע געווען דער טאג, ווען עס איז געקרוינט




SPONSOR #1
PRO DECKS
845.352.DECK

SPONSOR #2
MEN'S CORNER
845.782.6756

SPONSOR #3
QUICK FIX
Appliance repair
845-206-9733

SPONSOR #4
פליי"ש

SPONSOR #5
MOVERS
MOVING EVERY CUSTOMER WITH CARE
845.287.4190

SPONSOR #6
נר שעה
געגרינדעט דורך
לייב גליק

'היטשט' און 'געווינט'
845.288.3880

געווארן דער רוסישער צאר אלעקסאנדער דער דריטער. אין בית המדרש צום דאווענען איז געקומען א קליינער עולם, ווייל אפילו דאווענען האט יעדער צד געמאכט "שבת פאר זיך". דער רב איז געשטאנען איינגעוויקלט אין זיין טלית, ביי זיין "שטאט" אין דער רעכטער זייט פון ארון קודש, און טיף ארייגעקוקט אין זיין סידור. דער בעל קורא האט געענדיגט לייענען די תורה. דער רב האט זיך דערווייל פארטראכט אין א שווערן רמב"ן אויף דער סדרה. ער האט פארקנייטשט דעם שטערן, געדרייט מיט'ן פינגער און זיך באוועגט אויפ'ן פלאץ, פלעכטנדיג א גאוניש פשט'ל צו פארענטפערן די הארבע קשיא. א גאון איז ער דאך געווען א געוואלדיגער, ר' אברהמ'לע, ער האט געדענקט גאנץ ש"ס מיט אלע מפרשים אויפ'ן קאפ.



זייענדיג צוטראגן פון שארפן פשט'ל, האט דער רב אינגאנצן פארגעסן אין דער קרוינונג פון צאר, און ער האט נישט געזאגט דעם "הנותן תשועה".

גלייך ווי די משכילים האבן זיך דערוואוסט דערפון, האבן זיי געשיקט א דעלעגאציע צום שטאט-קאמענדאנט און אים דערציילט, אז דער נייער רב איז נישט מער און נישט ווייניגער ווי א סאציאליסט, א שונא פון צאר. והא ראיה: ער האט נישט געלאזט מאכן דעם נייעם צאר "הנותן תשועה". דער קאמענדאנט האט די דאזיגע ווילדע ידיעה גלייך אריבערגעשיקט צום גובערנאטאר.

*

עס איז געווען צומארגנס, זונטאג. ר' אברהמ'לע איז געזעסן מיט זיינע תלמידים אין דער גרויסער "בית דין שטוב", און געלערנט מסכת שבת. אין ציגעלנעם אויוון האט געקנאקט דאס ברענענדיגע נאסע האלץ. דורכ'ן הויכן שמאלן פענסטער האבן זיך דורכגעשלאגן בלאסע ווינטער-זון-שטראלן. ר' אברהמ'לע, ווי תמיד, א שנעלער, א גאונישער, האט געצויגן איין פשט'ל נאכ'ן אנדערן, געווארפן מיט רמב"ם'ס, רשב"א'ס. די תלמידים, אליין גרויסע לומדים, האבן נישט געקענט מיטהאלטן מיט זייער גאונ'ישן רבי'ן, פארלארן די פעדים פון שארפן פלפול. פלוצים האט זיך דערהערט א האסטיגער קלאפן אין טיר.

צוליב זיין פארטיפקייט אין לערנען, האט ר' אברהמ'עלע אפילו נישט געהערט דאס קלאפן. די תלמידים האבן אויך נישט געוואגט צו שטערן דעם רב אין זיינע מחשבות. די טיר האט זיך מיטאמאל אויפגעריסן און עס זענען אריינגעפאלן צוויי זשאנדארן, הויכע, דיקע רוסן, מיט בלוט פארלאפענע פנימ'ער, און האבן געפרעגט:

"ווער איז דא דער סאציאליסט אבראם בארנשטיין?".

ר' אברהמלע האט זיך אויפגעכאפט א צוטראגענער.

"הא! וואס ווילן זיי דען די ערלים".

א תלמיד, וואס האט פארשטאנען רוסיש האט איבערגעזעצט דעם געשריבענעם "פריקאז" פון גובערנאטאר:

"ביז 48 שעה דארף דער בירגער אבראם בארנשטיין פארלאזן נאשעלסק, און מעלדן דעם נייעם וואוין-ארט, דארטווארטן אויפ'ן משפט".

דער רב האט מיט א ציטערדיגער האנט אונטערגעשריבן דעם באפעל.

די תלמידים זענען בלאס געווארן, געוואלט זיך אויפשטעלן און ארויס אין גאס מיט א געוואלד - ראטעווען דעם רבי'ן!

ר' אברהמ'עלע האט זיך אביסל געבייזערט אויף די תלמידים:

"וואס? ביטול תורה! ווייטער לערנען".

א פעהיגער תלמיד האט זיך דאך ארויסגעשליכן שטיל פון בית-דין שטוב, און איז אוועק אלארמירן די חסידים וועגן די שווערע גזירה.

עס איז גלייך אוועקגעשיקט געווארן א רייטער מיט דער טרויעריגער ידיעה קיין קאלוש, צו ר' בעריש'ל נגיד, א גביר, א קרוב למלכות, וואס האט געהאט א שטיקל איינפלוס אויפ'ן גובערנאטאר. נאך אין זעלבן טאג איז ר' בעריש אפגעפארן מיט'ן פאסט-וואגן קיין לאמזשע. ער האט "געשמירט" אויף רעכטס און לינקס, און אין אווענט אויפגענומען געווארן פון גובערנאטאר אין זיין פריוואטן פאלאץ.

ר' בעריש'ל נגיד האט דעם גובערנאטאר געשילדערט דאס גרויסע גאונות פון ר' אברהמ'עלען, ווי ער איז אינגאנצן אויסגעטאן פון דער וועלט, און איז אזוי פארכאפט אין לערנען, אז ער ווייסט בכלל נישט וואס עס טוט זיך ארום אים.

דער גובערנאטאר האט פארלאנגט צו ברענגען דעם רב צו אים. ער וויל אים זען אליין, זיך איבערצייגן אין די ריכטיגקייט פון ר' בעריש'עס ווערטער. דערווייל האט ער באוויליגט אפצולייגן דעם גירוש פון רב.

מיט דער פריידיגער נייעס איז ר' בעריש צוריקגעפארן קיין נאשעלסק, מיטגענומען מיט זיך דעם רב קיין לאמזשע, אים פארצושטעלן פאר'ן גובערנאטאר.

אין זיין גרויסן אויפנאם-זאל, ביי א שיין געשניצטן ביורא-טיש, איז געזעסן דער גובערנאטאר, בלעטערענדיג א פעקל דאקומענטן, וואס זענען געלעגן פאר אים. דער גאלד-באקנעפעלטער באדינער איז אריינגעקומען און געמאלדן אז עס ווארט א "עווריייסקע" דעלעגאציע פון נאשעלסק.

דורך דער ברייט צועפענטער טיר האט זיך אריינגעשלייכט, דער ערשטער, דער רב: א קליינוואוקסיגער מיט א לאנגע, שווארצע בעקישע וואס איז געלאפן ביז איבער די פיס, די באקן איינגעפאלן, נאר אויגן גרויסע, שווארצע, שארפזיניגע, וואס האבן ארויסגעלויכטן פון דער לאנגער ברייטער שווארץ-גרויער בארד. נאך אים זענען אריינגעקומען: ר' בעריש און נאך צוויי פרנסים פון שטאט-קהלה.

ר' בעריש האט זיך טיף פארנויגט, און פארגעשטעלט דעם רב און די קהל-פירער פון נאשעלסק.

ר' אברהמ'עלע האט זיך נערוועז ארומגעדרייט אין זאל. א הייסער שווייס האט אים ארויסגעשלאגן אויפ'ן געזיכט. ער האט קיין סאך נישט געטראכט. ער איז צוגעגאנגען מיט שנעלע טריט ווי זיין געוואוינהייט, צום ברייטן פענסטער, אנגענומען דעם טייערן זיידענעם פארהאנג אין זיין האנט, און זיך אפגעווישט דעם שווייס פון פנים.

דער גובערנאטאר האט שטילשווייגענד נאכגעפאלגט די באוועגונגען פון רב. ער האט א לייכטן שמייכל געטאן און געזאגט:

יא, פאן בעריש! ביזט פולשטענדיג גערעכט געווען אין דיין אפשילדערן דעם רב.

ער האט גלייך באפוילן דעם סעקרעטאר ער זאל שרייבן א "פריקאז" צו אפרופן דעם גירוש-באפעל פון נאאשעלסקער רב.

**זכותו יגן עלינו, אמן.**


זכרו
תורת מש"ה
מוסר · ש"ס · הלכה
קרית יואל
בס"ד

# לוח הלימודים
## פרשת תצוה

חבורת לומדי ש"ס
ישראל ואורייתא

| | היום | שבוע | חודש |
|---|---|---|---|
| יום א' | פו: | פד. | עו: |
| יום ב' | פז. | פד: | עז. |
| יום ג' | פז: | פה. | עז: |
| יום ד' | פח. | פה: | עח. |
| יום ה' | פח: | פו. | עח: |

בחינה ו' במס' חולין • יום א' פ' ויקהל
לימודי החודש: פ"א. - צ: - חזרת החודש: ס"ט. - פ

חבורת לומדי הלכה
הליכות יוסף עזרא

| | סימן | סעיף | מג"א |
|---|---|---|---|
| יום א' | סימן ק"ה | ב - ג | ג - ה |
| יום ב' | | ד - ו | ו - ט |
| יום ג' | | ז - ח | י - יא |
| יום ד' | | ט | יב |
| יום ה' | | י - יב | יג - טז |

בחינה הבא בשו"ע או"ח • יום א' פ' פקודי
לימודי החודש: מסימן ק"ו עד אחר סימן קי"ד סעיף ג'
חזרת החודש: מסימן צ"ב עד אחר סימן ק"ה

SPONSORED BY:
PRO DECKS
BECAUSE OUR PROFESSION IS LIMITED TO DECKS, OUR PROFESSIONALISM AT DECKS IS UNLIMITED.
T: 845.352.DECK (3325) F: 845.371.3325
E: DECKSNY@GMAIL.COM W: PRODECKS.COM

קול זכרו • 718.387.1010




# לאמיר נישט זיין פאַרגרעבט... מיר זענען אַן אויסדערוועלטע פאָלק!

**רירנדע שילדערונגען און בריוו פון האי איש חסיד הנכבד, ידיד כל בית ישראל, הרה"ח רבי נחמי' צבי בן דינה וועבערמאַן שליט"א**

## וִהְיִיתֶם לִי סְגֻלָּה מִכָּל הָעַמִּים כִּי לִי כָּל הָאָרֶץ.

ווען דער אויבערשטער האָט געזאָגט פאַר אידישע קינדער דעם "והייתם לי סגולה" האָט ער געענדיגט מיט די ווערטער "כי לי כל הארץ". רש"י אויפ'ן פלאַץ זאָגט פשט דערינען, אָבער כ'האָב געקלערט אַז דאָ ליגט באַהאַלטן אַ געוואַלדיגע דערהער, וואָס איז אונז אַלע נוגע.

ווען אידישע קינדער האָבן געהערט פון משה רבינו אַז דער רבוש"ע זאָגט אונז "והייתם לי סגולה", האָבן מיר גלייך געוואוסט אַז ס'איז אוממעגליך צו זיין די אויסגעקליבטע פאָלק, אָן דעם וואָס מיר זאָלן זיך איבערגעבן פאַר השי"ת.

אויב נישט, וויאַזוי קען אַ מענטש באַלאַנגען צו אַ 'ממלכת כהנים', וויאַזוי קען ער זיין אַ חלק פון דעם 'גוי קדוש', אויב ער פיטערט חלילה זיינע תאוות און גיט זיך נאָך אַלע גופניות'דיגע הנאות וואָס טוט גורם זיין דאָס פאַרקערטע פון 'והייתם לי סגולה' און ס'איז די היפוך פון ווערן אַ ספּעציעלע באַדינער פאר דעם קעניג פון דער בריאה.

דער רבוש"ע האָט דאָך באַשאַפן די אַלע הנאות בלויז אַז ס'זאָל אונז ברענגען נענטער צו אים, אַז מיר זאָלן דאָס קענען נוצן דורך די וועג פון דער תורה, אָדער אַז מיר זאָלן זיך מתגבר זיין קעגן די טונקלקייט פון שלעכטע מדות אָדער מחשבות רעות אין אונזער הארץ, מיר זאָלן זיך נישט בלויז אָנשטאָפּן מיט עסן און אַנדערע תאות'דיגע געוואוינהייטן.

ס'איז אוממעגליך צו גיין איןביידע דירעקציעס, סיי צו זיין אן עבד ה' און סיי זיך נאָכצוגעבן אַלע תאוות. ווייל ווען די גופניות'דיגע תאוות נעמט איבער די גאַנצע מחשבה פון אַ מענטש דעמאָלט גייט די נשמה אַראָפּ און עס פאַרלירט די כוחות. און פאַרקערט, ווען די נשמה איז געזעטיגט דעמאָלט פאַרלירט די גוף די תאוה'דיגע רצונות!

***

אַלזאָ וואָס בלייבט פאַר אונז צו טון?!

די ענטפער איז; מיר דאַרפן זיין קלוג און נישט פאַרנומען מיט די הנאות פון די האַרץ און גוף!

און וואָס איז די וועג וויאַזוי מיר זאָלן אָנקומען אַהין?!

אויף דעם איז דער פסוק מסביר: "ויתייצבו בתחתית ההר" - מיר זענען געשטאַנען אונטער דעם באַרג סיני! אונזער האַרץ זענען געווען גענוג ענוה'דיג צו פאַרשטיין אַז ס'איז נישטאָ קיין שום כח אויסער השי"ת.

מיר האָבן געזען דעם באַרג סיני ציטערן. "ויחרד כל ההר מאוד". פאַרוואָס? ווייל מיר האָבן אַליין געציטערט! בלויז דאַן האָבן מיר געזען אַז די גאַנצע וועלט טרייסלט זיך און האָט אַ פּחד ה'!

קען דען איינער זאָגן אַז ס'איז מעגליך צו גיין אויף ביידע זייטן; לעבן אַ גשמיות'דיגע לעבן און האָבן אַ פּחד ה'?! ס'איז אוממעגליך! ס'איז קעגן די מציאות!

אַזוי האָט אונז השי"ת געזאָגט גלייך ביי די ערשטע פון די עשרת הדברות; "אנכי ה' אלקיך" - איך בין דער אויבערשטער דיין באַשעפער, "אשר הוצאתיך מארץ מצרים" - וואָס איך האָב אייך אַרויסגעצויגן פון דאָס לאַנד מצרים און פון די הויז פון קנעכטשאַפט. דער פסוק לערנט אונז אַז בלויז ווען דו ביזט אַ פרייער מאַן, בלויז ווען דו גייסט אַרויס פון דיינע תאוה'דיגע הנאות, דעמאָלט קענסטו ריכטיג זאָגן און פאַרשטיין דעם "אנכי ה' אלקיך"! אַזוי איז דאָ נאָך אַסאַך קלאָרע פסוקים און דברי חז"ל אַז די צוויי זאַכן אַרבעטן נישט צוזאַמען.

****

די וועג וויאַזוי מיר זאָלן טאַקע זיין אמת'ע קנעכט פאַר'ן אויבערשטן איז דורך די תורה הק'! די "עשרת הדברות" זענען די פונדאַמענטן אויף וואָס מיר דאַרפן בויען אונזער לעבן! יעדע זאַך איז אַ 'מוז', מיר קענען נישט שניידן קיין שום עקן, אַלעס איז גאָר וויכטיג, 'לא תגנוב', 'לא תנאף', 'זכור את יום השבת לקדשו', 'כבד את אביך ואת אמיך', וכו'.

ס'איז נישט מעגליך צו עס האַלטן האַלבוועגס, אונזער וועג דאַרף זיין בשלימות אן דאָס מינדסטע שינויים חלילה. מיר זענען אַלע געשטאַנען אונטער דעם באַרג סיני, מיר האָבן אַלע געזאָגט "נעשה ונשמע" - דאָס מיינט אַז מיר האָבן מקבל געווען אַז מיר ווען נישט צופיצן און נישט שניידן גאָרנישט.

דעמאָלט, אַז מיר וועלן דאָס מקיים זיין, וועלן מיר טאַקע זוכה זיין צו "והייתם לי סגולה מכל העמים", און השי"ת איז אונז מבטיח: געטרויעט מיך ווייל "כי לי כל הארץ"! אַלעס איז מיינס! איך האָב די מעגליכקייט צו באַצאָלן און אויספירן מיינע הבטחות! איך בין ענק בוחר ווייל איך וויל אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל זיין די עיקר!

יאָ, אויב מיר האָבן די אמת'ע פּחד קענען מיר הערן די קולות וברקים וואָס איז געווען ביים באַרג סיני, ווען מיר ליינען די פרשה אין שול שבת אינדערפרי, אָבער עס הייבט זיך אָן ביים אַוועקשטיין דאָס מערסטע וואָס מיר קענען פון פאַרגרעבטקייט.

אַ גוט שבת פאר אַלעמען!

טאַטי.

**יעדע תפלה מאכט א רושם אין הימל!**

**זייט מתפלל אז נחמי' צבי בן דינה זאל באפרייט ווערן פון תפיסה בקרוב**

# הרחבת גבולי העיר - שכונת וואדבורי ווילאס




ערשטע מיני ווען באנייעט נייע זאמדיגע ראודס פון וואדבורי ווילאס החדש




טראקטארן ביים אנהייבן מיט אינפעסטרוקטור

# הרחבת גבולי העיר - שכונת וואדבורי ווילאס



טראקטארן אין די ווילדעניש אקערן אויס שטראזן און צוטיילן שטחים וועלכע וועלן בקרוב ווערן מיט הונדערטער נפשות און שולע באסעס לתפארת העיר רבתי קרית יואל




דעוועלאפער 'קורא שם' געווען נעמען פאר די צוויי נייע גאסן וועלכע וועלן אויסשפרייטן דעם געגענט כמעט ביז'ן טראוועי'

# שניי רבתי - אין קרית יואל והגלילות



קינדער מטכס עצה ווי מ'וועט פלאצירן אזויפיל שניי



שניי שארער טראק רייניגט די ליפא פרידמאן גאס



א קאלטע אסיפה איבער דירות קריזיס



כאפט א היטש פון ליסקא קיין אוסטראה



שניי שארן פארנט פון אלטן ביהמ"ד אויף גארפיעלד ראוד



ווארט ביים היטש סטאנציע אויף א וועג אריין אין שטאט פון סמיט גארדענס

# שניי רבתי - אין קרית יואל והגלילות



קינד שארט אפ אינטערשטע טייל פון קאר אז היטשערס זאלן קענען אויסליינען לייסענס פלעיטס



קינד מיט טאטע פון גרויסן ביהמ"ד צום שאפינג צענטער נאך א ווארימע דאווענען אינעם שניי טאג ווען ס'איז נישט געווען קיין חדר געהעריג

# ועשית מזבח...



קינדער ביים פארברענגן אינדערהיים אינעם שניי טאג. חזר'ן די לימודים דורך אהערשטעלן א ריזן מזבח לויט ווי אזוי מען האט געלערנט אין חדר די וואך פרשת תרומה

# שניי רבתי - אין קרית יואל והגלילות



ווען נישט זיינע שווארצע רעדער. ווער וואלט אים באמערקט בכלל?



שניי שארער טראק פארמישט אין לייכטע עקסידענט




חברים מיט מצילי אש אין געמיינזאמע אפעראציע אינעם שניי טאג



פאסט באקס נעמט אויף די פרישע ליטעראטור מיט אפענע ארעמעס...





שניי שארער טראק עקסידענט מיט א קאר האט געברענט צו אן אפשליס פון פארעסט צווישן עיקערס און סעווען ספרינגס

# ביהמ"ד דקהל יטב לב - שכונת ווינטשעסטער, קרית יואל



לעצטע ארבעט לגמור היכל המפואר מיט רצפת ההיכל פון שיינע פארקעי' לשם ולתפארת



א בליק אויף די ארבעט צד מערבית אונטערן עזרת נשים גאלעריע

# עזרת חולים





בוי אקטיוויטעטן אויף די צווייטע שטאק פון עזרת חולים צו שטיין צו הילף פון חולי העיר לרפו"ש

# בנין בית רחל - 509 פארעסט




הנהלת מוסדות סאטמאר קרית יואל ביים איבערפלאסטערן ראוד ארום געביידע אויף פארעסט

# מסיבת הכרת הטוב פאר די דרייסיג העלדן פון די 'דיספעטש טיעם' פון חברה הצלה

## אפגעראכטן דורך הר"ר בעריש שענברוין הי"ו חברה הצלה קאמיוניקאציע דירעקטאָר און דיספעטש קאמיטע מיטגליד



מסיבת הכרת הטוב וסעודת ראש חודש אין דזיקוב'ער ביהמ"ד אויף מירון



הר"ר יואל גראס הי"ו אן אַקטיוועך מיטגליד אין דער 'הצלה דיספעטש קאמיטע' וועלכער שטייט אין שפיץ פון די 'נייט שיפט' מיט אַ געניטע און געטרייע האַנט, ביים אויפטרעטן ביים מסיבת הכרת הטוב



העכסט אינפארמאטיווע אויפטריט דורך עושה ומעשה הר"ר בעריש שענברוין הי"ו, חברה הצלה קאמיוניקאציע דירעקטאָר און דיספעטש קאמיטע מיטגליד



לאַנגיעריגער איש הצלה, מו"ה יודל דייטש הי"ו, וועלכע דיספעטשט פאר 'הצלה' אין די זומער חדשים האָט מיטגעטיילט אינטערעסאנטע דעטאַלן פון זיין ערפאַרונג אינערהאַלב די חברה הצלה קרית יואל, ווען ער האָט מיט התפעלות ארויסגעברענגט די שטוינענדע חילוק פון קרית יואל היינט און אַמאָל



גייסטרייכן אויפטריט דורך הר"ר יוסף בלומענטאל הי"ו, וועלכער שטייט אין שפיץ פון די העלדישע 'מצילי אש' פייער רעסקיו טיעם וואָס איז גלייכצייטיג פאסיג באגריסט געווארן פאר זיין אויסטערלישע האָרעוואַניע צו אַהערשטעלן די קאָמפּליצירטע 'יוניט' סיסטעם וואס איז היינט איינגעשטעלט איבער דער גאַנצער שטאט

# בעיקערטאון דירות



ביעמס אינסטולאציע פארענדיגט ביים לעצטן געביידע פון די נייע בעיקערטאון דירות פראיעקט הארט נעבן ביהמ"ד המפואר ישמח משה דקהל יטב לב

# מצילי אש - אוסטראה פארקעוועי






רויעך פון א פענסטער אויף אוסטראה ברענגט בליץ שנעלע מצילי אש ריספאנד

# פראו דעקס באלקאנען



מיט'ן היטל און מיטן זיגל פון די 'פראו דעקס' פירמע



עץ גבוה חמישים אמה כאפט א 'היטש' ארויף



בליץ שנעלע דירות פראיעקט דורך 'ליוולענד' מארשירט פאראויס אויף 6 אוהעל קט. אצינד נאך בלויז געציילטע חדשים זינט אנהייבן די פראיעקט שטייט 'פראו דעקס' על הדוכן צו פארענדיגן די באלקאנען







# משומר קרית יואל




שומרי"ם הפקד לעירך, תאיר כאור יום חשכת לילה: נייע משומר אפיסעס ערגענצט און באלייכט די צענטראלע גארפיעלד גאס אין שטאט צו שטיין מובדל ומופרש פון די אלגעמיינע גאס


משנכנס אדר
מרבין בשמחה




Till Rosh Chodesh nisan
25% off

Bright
beautiful
Exclusive designs
Exclusive styles
One day job
We clean after
Low prices
Cheaper elec. bills

Spotlight Pro
Your house bright
lighting installation services.
since 2006
845.537.9787








צורת הפתח אינסטאלירט ביים נייעם שארט קוט דורכ'ן וועד העירוב רבינו יואל - שכונת בלומינג גראוו
הגאוה"צ רבני העיר שליט"א אראפגעקומען באשטעטיגן כשרות העירוב נאך ארבעט ביים עירוב צוים


**Catering**
DEPARTMENT

For all your Catering/Events, big or small, call us:

**845-782-2900 Ext 150**

**Events@satmarmeatkj.com**

INCLUDING

- Tables
- Chairs
- Tablecloths
- Set up
- Waiter
- Hot food
  Sesame chicken, Grilled chicken strips, Overnight kugel, Kishka in gravy
- Gefilta fish platter
- Bilkalach
- Cake
- Fruits
- Chocolate & Nuts
- Chips
- Soda + water
- Beer
- Paper goods

Special Package

Only! **$1,499**




ברוכים הבאים פאר מנהל מפעל צדקת העיר אין די שטאטישע
צדקה קאסע הויפטקווארטיר אויף ווען ביורען - אוהעל



גוים מיט ליפלעטן איבער די שטאט, זייט געווארנט פון נישט אידישע קאר סערוויס



השבת אבידה... ווער האט פארלוירן א גרויסע ביהמ"ד






המן פארזעענדיג א שווערע שניי וועטער. פחד איבער ווערן נאכאמאל באגאסן פון אויבן...

# ביהמ"ד אהל רחל ד'סאטמאר - בראשות הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א



דער ציבור לאנגע שעה'ן נאכן זמן מוצש"ק ביי געהויבענע סעודת רעווא דרעווין




דער בימת הכבוד ביי די דברי כיבושין און דברי תורה ויראה לתשובה ותיקון המעשים





# שטורעמישע פראטעסטן לענגאויס רחבי ארה"ק קעגן גזירת נתוחי מתים - בית שמש



שאסייען אין בית שמש אפגעשלאסן דורכאויס די שטורעמישע פראטעסטן



למען כבוד המתים אין בית שמש



אכזרים, רוצחים, ביים רצחנ'ן א איד אין בית שמש



פאליציי אין פארלעגנהייט איבער ערליכע מוחים אין שטאט בית שמש

# ירושלים תתן קולה, נאכן פראטעסט פאררופן דורך ביד"צ עדה החרדית



שרי חברי ביד"צ העדה החרדית שליט"א
ביי די דרשות אין ככר השבת



בנערינו ובזקנינו - למען תורתינו



באן אין ירושלים אפגעשטעלט

# הר יונה



פראטעסטן גיסן זיך אריבער אין אלע חרדי'שע
שטעט. אידן איבער די גאסן אין הר יונה



פאליציי ארבעט שווער צו פארטרייבן דעם ציבור אן קיין סוקסעס



# שטורעמישע פּראטעסטן לענגאויס רחבי ארה"ק קעגן גזירת נתוחי מתים - ירושלים - רחוב יחזקאל



ביים פּייניגן די מוחים מיט די רשעות'דיגע מעטאדן
אפצושרעקן דעם ציבור מקדשי השם



פּאליצײ מיט מזרחי קאפל שארפט זיך די ציינער קעגן הרה"ח ר' יעקב קעלנער שליט"א
מיקירי תושבי קרית יואל וועלכע איז אנוועזנד געווען ליפרע בגופו אפצוהאלטן ניוול המת



הקול קול יעקב והידים ידי עשיו



פני זקנים לא נהדרו



פּרובירט מיט שווערגקייטן אפצוטיילן דעם ציבור



וואַרימע ניגונים שזאת התורה לא תהא מוחלפת



אלה ברכב... ואנחנו בשם ה'





ואלה בסוסים!



פּראטעסטן שליסט אפּ פּארנומענע יחזקאל גאס אויף ביידע ריכטונגען

# שטורעמישע פראטעסטן לענגאויס רחבי ארה"ק קעגן גזירת נתוחי מתים - פראטעסטן אין ירושלים - רחוב יחזקאל





3 רוצחים ביים ארעסטירן איינע פון די מוחים



ביים פייניגן די מוחים מיט די רשעות'דיגע מעטאדן אפצושרעקן דעם ציבור מקדשי השם



## שבטי ישראל





זקני ירושלים לעצור בעד המשחית



תזדעזו ארץ

## בית שמש רמת ב'





אידן אין בית שמש אויף רחוב נהר הירדן



בוא"ש טראק אפגעשטעלט דורך דרייסטער בעל מסירת נפש אין בית שמש

# שטורעמישע פראטעסטן לענגאויס רחבי ארה"ק קעגן גזירת נתוחי מתים - בר אילן







# ברוך הטוב והמיטיב שניתן לקבורה ירושלים תתן קולה!

שטורעמישע פראטעסטן זענען פארגעקומען פארלאפענע וואך איבער רחבי ארץ הקודש, אין א העפטיגע מערכה אפצושטעלן דאס דורכפירן ניתוחי מתים רח"ל, נאך א ביטערע טראגעדיע ל"ע.

דאס האט פאסירט נאך וואס הב' החשוב חיים שמואל מאיר ווייצהענדלער ע"ה, איז ליידער נפטר געווארן פארגאנגענעם דינסטאג פ' משפטים אינדערפרי ה"י. די טראגעדיע האט אויפגעשאקלט דעם גאנצן היימישן ציבור אין בית שמש. שבר על שבר איז געווען ווען מען האט געהערט די ביטערע באריכטן אז די רשעים ווילן מבזה זיין דעם מת אויף א שרעקליכע פארנעם, שלא כדת תורה.

הונדערטער בני ציון היקרים האבן זיך ארויסגעלאזט אויף די גאסן און הויפט שאסייען אין צענדליגע שטעט. במשך די הפגנות זענען צענדליגע בעלי מסירת נפש ארעסטירט געווארן, און די עסקנים און לויערס פון 'ועד אסירי ציון' האבן העפטיג געארבעט אויף אלע פראנטן צו באפרייען די אסורים.

ב"ה געציילטע מינוטן פאר דער גריכט סעסיע האט זיך געזאלט אנגעהויבן, נאך גרויס דרוק צום אפקלאנג פון די פילע מחאות און הפגנות, האט די פאליציי געמאלדן אז זיי ציען צוריק פון זייער פארלאנג און וועלן באפרייען דעם נפטר, צו קענען קומען צו קבר ישראל אן קיין ניתוחי מתים!

דאס יהדות החרדית האט נאכאמאל געוויזן אין קלאר געשטעלט פאר דעם שלטון הרשע, אז מיר וועלן זיך נישט בייגן און צולאזן קיין שום זאך וואס איז אין קעגנזאץ צו די הייליגע תורה, און זייערע געזעצן זענען אונז גארנישט מחייב.

**בוא"ש ובמים נלך לקדש שם שמים.**

דער לוי' פון הבחור החשוב חיים שמואל מאיר ווייצהענדלער ע"ה איז ארויס שפעט נאכמיטאג פון כיכר השבת אויפ'ן וועג צו הר המנוחות. ליידער האבן די פאליציי אויפגעהאלטן דעם נפטר שוין נאכן אפיציעל מעלדן אז זיי באפרייען דעם נפטר פאר 8 לאנגע שעה'ן מיט א שרעקליכע בזיון המת, מיט'ן ציל אפצוהאלטן א גרויסע לוי' בכבוד הראוי וואס וועט זיי שאפן בושות. יה"ר שנשמע ונשבשר בשורות טובות ישועות ונחמות.

**ברוך המקדש שמו ברבים!**







**נאך די שטורעמישע הפגנות למען כבוד המתים האבן אלפי בני ציון היקרים ארויסבאגלייט דעם מיטה צום הר המנוחות**

ליידער איז די לוי' אפגעראכטן געווארן אונטער אומגעהויערע דרוק פון א.ג. מצילים-מליצים וועלכע האבן שווער געארבעט אַז ס'זאָל נישט אָפגעראָכטן ווערן א לוי' בכבוד הראוי, כדי צו נאכקומען די פארלאנגען פון דער ציוני'סטישער 'משטרה' וועלכע האבן זיך געוואלט שפארן בזיונות.

די 'מליצים' האבן געמאכט אן אומפאַרשעמטן דיעל מיט די פּאָליציי, אויפצוהאלטן דעם נפטר באזונדערע לאנגע שעה'ן שוין נאכ'ן 'אפיציעל' מעלדן אז זיי באפרייען דעם נפטר, כדי דורכדעם צו לייגן דרוק אז מען מוז כאפן די שקיעה און ס'איז נישטא קיין צייט פאר א געהעריגע לוי'. זיי זארגן זיך פאַר דער שקיעה אבער לאנגע שעה'ן פון 'בזיון המת' דאָס שפילט נישט קיין ערנסטע ראָלע ביי זיי.

באזונדער האבן די א.ג. מצילים פאַרראָטן די משפחה ווען זיי האָבן איבערגערעדט די צעבראכענע מאמע צו מפשר זיין און זיך איבערגעבן פאר די פּאָליציי. די פאַרלוירענע צעטרייסלטע אידישע מאַמע האָט ליידער געדאַרפט דורכגיין שווערע סאַדיסטישע אויספאָרשונגען אין דער פּאָליציי סטאַנציע דורכאויס אַ גאַנצע נאַכט! שבר על שבר נאך אזא דאפעלטע בראך. אין אַ צייט וואָס אפילו אַ בלינדער קען זיך איבערצייגן אַז בלויז די הפגנות און פעולות פון לאנגיעריגע עסקנים, וועלכע פארשטיין ווי אזוי צו באהאנדלען די פאליציי אין אזעלכע פעלער, האָט פאַקטיש באוויזן אפצוהאלטן די 'ניתוחי המתים', טאַקע מיט'ן אלטן מיטל פון 'הפגנות' און נישט מיט קיין 'פשרות', ווי די משטרה האט דאס אליין מודה געווען אז זיי האבן זיך נישט געראכטן אויף אזא רעאקציע.. עד מתי אתם פוסחים על שתי סעיפים!

# סאטמאר בית שמש

## סעודת הילולא של מרן הקדושת יו"ט בראשות הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א





אנ"ש ביי סעודת הילולא של מרן רבינו בעל קדושת יו"ט זי"ע בראשות נכדו הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א אין אלטן סאטמאר'ן ביהמ"ד אין שטאט בית שמש

# ערשטע שמחת חאלאקע בבית הגה"צ אבד"ק סאטמאר מאנסי שליט"א



כ"ק אדמו"ר מבית חיים יושע שליט"א טרעט אויף פאר די הונדערטער תשב"ר לכבוד די שמחה



הגה"צ אבד"ק סאטמאר מאנסי שליט"א מיט דרשה פאר די עלטערע תלמידים



הונדערטער תלמידים פון די עלטערע כיתות ביים שמחת חאלאקע בבית הגה"צ דער רב שליט"א

מלחמה לה' בעמלק מדור דור!

# כ"ק אדמו"ר מתולדות אברהם יצחק שליט"א: איר זענט חתנים גיבורי חיל, איר האט די זכי' צו מלחמה האלטן מיט עמלק!



זעלטענע התרגשות ביים חלוקת 'קופת מלביש ישע' פאר 35 העלדישע חתנים 'גיבורי חיל' בביתו נאווה קודש פון כ"ק אדמו"ר מתולדות אברהם יצחק שליט"א



דער רבי שליט"א וואונטשט אן פאר די עסקנים וועלכע שטייען אין שפיץ פון די גרויסע חלוקות עפ"י קריאת הקודש פון אלע מנהיגי קהילות קדושות שליט"א אויפן פראנט אינעם מלחמה קעגן גזירת גיוס

כסדר'דיגע אנשלים פון פרישע 'גיבורי חיל' און רעגלמעסיגע חלוקות פאר די מלחמה העלדן וועלכע קענען נישט ארויסקומען קלייבן נדבות קיין חוץ לארץ - ה' עמכם גיבורי חיל!

# COLONIAL HOUSE IN VILLAGE OF MONROE

# FOR SALE

## 18 Hillside Terrace Monroe NY 10950

Welcome to 18 Hillside Terrace, Nestled in the heart of the Village of Monroe, where classic charm meets modern luxury. This meticulously updated colonial home sits on a quarter-acre of leveled grounds, showcasing a stunning kitchen with granite countertops and hardwood floors throughout.

◇

Step into 1934 sq. ft. of living space featuring 3 bedrooms and 3 baths, with an emphasis on contemporary design and well-kept finishes. Entertain effortlessly in the fully updated walk-out basement, illuminated by spotlights, or retreat to the fenced backyard with a deck for chic al fresco gatherings.

◇

Practical living is elevated with 4 heating zones, central air, a security system, and a central vacuum cleaner. The 2-car garage and extra storage ensure ample space for convenience.











| | | |
|---|---|---|
| **2,552** square feet | **3** upstairs **1** downstairs bedrooms | **2** car garage |
| **4** heating zones | **Central** air conditioning | **Central** vacuum cleaning |
| **Security system** | **Fireplace** | **Fenced in** back yard |
| **Quartz** counter tops | **Crown molding** all floors | **Brand new** Boiler / Central Air |

**Price: $640,000**

The REALTY BLUE group

Not responsible for typographical errors

REALTOR® EQUAL HOUSING OPPORTUNITY HGMLS

HGMLS Hudson Gateway Multiple Listing Service, Inc. All Rights Reserved. Information Deemed Reliable But Not Guaranteed. The data relating to real estate for sale or lease on this page comes in part from HGMLS. Real estate listings held by brokerage firms other than Realty Blue.

יצחק אייזיק ראטטענבערג
845-662-1849

שלום מאיר טארים
845-629-5186

# אָראַנדזש קאָונטי און אַרבייטעֵר פאַראַיין גרייכן אָפּמאַך אויף פינף יעָריגעֶ קאָנטראַקט




די אראנדזש קאונטי רעגירונג און דער ארבייטער פאַראיין, אונטער וועלכע אירע ארבעטער זענען פאראייניגט צו ארבעטן אין די פילצאליגע פובליק פאזיציעס אין די קאַונטי, האבן ענדליך דערגרייכט א פינף יעריגע קאנטראקט וואס וועט דעקן דעם פעריאד פון 2024 ביז נאך 2028.

די קאנטראקט וועט דעקן ארום 1,600 ארבעטער, און טוט אריינרעכענען געהאלט העכערונגען צווישן פיר ביז 4.5 פראצענט פער יאר דורכאויס די יארן פון דעם קאנטראקט טערמין. עס אנטהאלט אויך באצאלונגען פאר ארבעטער וועלכע האבן געארבעט אין לויף פון קאוויד און זיי זענען נאך וייטער אין דינסט פאר די קאונטי.

די באצאלונגען וועלן זיין אין די סכומים פון $1,500 ביז $5,000 געוואנדן אין די נאטור פון דעם דזשאב, וואס אין דעם וועגדט זיך וויפיל זיי וועלן באקומען.

דער ׳קאונטי עקזעקוטיוו׳, סטיוו נויהאוז איז צופרידען פון דעם קאנטראקט אונטערגעשריבן מיט די יוניאן, זאגנדיג אז דאס איז גוט סיי פאר די שטייער צאלער און סיי פאר די ארבעטער. דער קאנטראקט וועט נאך דארפן באשטעטיגט ווערן דורך די יוניאן פירער און די קאונטי לעגיסלאטורן.

# ניו יאָרק סטעיט וועט נישט אַזוי שנעל פטור ווערן פון טעסטס וועלכע מעסטן גרייטקייט צו גראַדואירן פון שולע




נאך עטליכע יאר וואס די סטעיט רעגירונג האט פרובירט צו אריינקוקן אין די אפציעס וויאזוי צו צושטעלן אן אלטערנאטיווע וועג פאר סטודענטן אין ניו יארק סטעיט צו גראדואירן פון שולע, איז גאנץ קלאר געווארן אז ניו יארק שטייט נאך יארן אוועק פון זיך געזעגענען פון איר טראדיציאנאלע פארעם פון גראדואירונג, וואס איז די רידזשענטס פארהער, וואס דארף צו אויסרעכענען צו דער סטודענט איז אין לויף פון זיינע שטודיע יארן אנגעקומען צו זיין ציל, דורך וועלכע ער וועט קענען באקומען א רעגענטס דיפלאמע.

דער רידזשענטס פארהער איז א דורכדרינגליכער שווערער פארהער איבער די נושאים וועלכע ווערט געלערנט אין הויך שולע. ניו יארק איז בלויז איינס פון ניין סטעיטס אין די פאראייניגטע שטאטן וועלכע פארלאנגען נאך אזעלכע סטאנדארט טעסטס אז סטודענטן זאלן קענען גראדואירן, און כאטש 21 אנדערע שטאטן שטעלן צו א רייע אַנדערע מהלכים וויאזוי צו גראדואירן און באקומען א דיפלאמע.

עס איז היבש אנגענומען אין די ניו יארקער אלגעמיינע גאס אז די טעססטס מוזן ווערן ערזעצט אדער איבערגעמאכט, איבערהויפט אז זי זאל נישט זיין די הויפט וועג וויאזוי סטודענטן דארפן גראדואירן. אבער נאָכדעם וואס א סטעיט געשטעלטע קאמיטע האט רעקאמאנדירט טוישן צו די גראדואירונג פארלאנגען, איז קלאר געווארן אז עס וועט נאך דויערן יארן צו קענען פאקטיש זען א טויש אין דעם געביט. די אנערקענונג איז געהערט געווארן פון לערער און רעגירונג איינגעשטעלטע וועלכע שטופן פאר א טויש.

# ׳צענטראַל האַדסאָן׳ וועט צושטעלן מאַנאַטליכע חודש׳ליכע ביל פאַר טויזעֶנטער קאָסטומער



נאָכדעם וואס די ׳סענטראל האָדסאָן׳ פירמע איז אויסגעשטאנען שווערע קריטיק פון אירע קאסטומער פאר די בילס וואס זי האט ארויסגעשיקט צו די קאסטומער יעדע צוויי חדשים, האבן זיי באשלאסן צו אנהייבן א נייע פאזע פון מאנאטליכע בילס, געצילט צו געבן מער קלארקייט פאר׳ן קאסטומער.

”די וועג פון שיקן בילס מיט אפשאצונגען איבער די באנוץ פון עלעקטריק און גאז איז געווארן א ווייטאגליכע פונקט פאר פילצאליגע קאסטומער” האט דער סענטראל האדסאן פירמע פרעזידענט געזאגט אין זיין מעלדונג. ”מיר האבן געהערט זייערע זארגן און גלייבן אז מאנאטליכע בילס וועט געבן מער קאנפידענץ פאר דעם קאסטומער אז די פרייז וועלכע זיי ווערן געטשארדזשט איז ענליך צו דעם פאקטישן באנוץ אויף א מאנאטליכע באזיס”.

דער נייער סיסטעם וועט אפעקטירן ארום 63,000 קאסטומער, אין די געגענטער אין די אלסטער און סאליוועןקאַונטיס און נאך.

דאס קומט נאכדעם וואס די סטעיט פובליק סערוויס קאמיטע האט שטרענג קריטיקירט די צענטראל האדסאן פירמע צוליב זייער געשאצטע בילינג, אויף וואס פילע קאסטומער האבן זיך אפגעגעדט אז זיי קענען נישט דערגיין אויב זיי ווערן איבערגעטשארדזשד אויף זייערע בילס.

ווען דער נייער פלאן וועט אריינגיין אין אפעקט וועלן אמוייניגסטענס א דריטל פון אירע קונדען ווערן גערעכענט אין חודש׳ליכע בילס, וואס וועט האפענטליך ערלויבן די קאסטומער צו פארשטיין איבער וואס זיי ווערן געטשארדזשד.

# רענאָוואַציע פּראָיעקט אויף פּאַרעלטערטע ’פּאָרט אויטאָריטעט טערמינאַל‘ אין מאַנהעטן קען זיך אָנהויבן דעם יאָר

די בוי ארבעט פאר א צען מיליאן דאלאר’דיגע נייע טערמינאל פאר די פארט אויטאריטעט אין מאנהעטן קען זיך אנהייבן ענדע פון דעם יאר 2024, אין א שריט וואס וועט זיין פון די גרעסטע פראיעקטן אונטערגענומען דורך די אגענטור אין איר 103 יעריגע היסטאריע.

דער פּראָיעקט וועט זיין דער אנהייב פון א לאנג ערווארטעטע פראיעקט צו איבערמאכן דעם 73 יעריגע טערמינאל וואס איז געווארן דערקלערט ארום צען יאר צוריק אלס אוממעגליך צו קענען ווייטער זיין אין געהעריגער באנוץ אן דורכגיין ערנסטע רענאוואציעס.




דאס קומט נאך וואס די פעדעראלע רעגירונג האט ארויסגעגעבן דעם פארלאפענעם דאנערשטאג די פארלאנגטע ענווייראמענטאלע באריכט אויף דעם פראיעקט, וואס דאס וועט אנהייבן דעם מעגליכקייט צו עפענען די עפענטליכע פארהערן איבער דעם פראיעקט. דער פובליק הירינג פעריאד וועט לויפן פון פעברואר דעם 2’טען ביז מארטש דעם 18’טען, און אין די צייט וועט אפגעהאלטן ווערן פיר עפענטליכע פארהערן וואו די איינוואוינער וועלן קענען געבן זייערע קאמענטארן.

דערנאך וועט די פּארט אויטאריטעט דארפן באקומען אַ באשטעטיגונג פון די פעדעראלע טראנזיט אדמיניסטראציע, וואס איז ערווארטעט צו אונטערשרייבן דעם פלאן דורכאויס דעם זומער, ווען דערנאך וועט די אויטאריטעט קענען פאראויסגיין מיט די געפלאנטע פראיעקט.

טראץ וואס מערהייט פון די געלט פאר דעם פראיעקט וועט קומען פון די פארט אויטאריטעט, פלאנירט אבער די אגענטור צו בארגן א ביליאן דאלאר פון די פעדעראלע טראזיט אַגענטור.

זיי וועלן אויך בויען צוויי גרויסע געביידעס פאר קאמערציאלע באנוץ אין וועלכע זיי וועלן פארדינגען געלט דורך דאס ארויסדינגען פאר ביזנעסער און געשעפטן. דאס איז ערווארטעט צו אריינברענגען ארום 2.5 ביליאן דאלאר.

די מאנהעטן באס טערמינאל איז די גרעסטע אין לאנד און איז די מערסט פארנומענע טערמינאל אין דער גאַנצער וועלט! עס קומען דאָרט אָן פילצאליגע רוטס פון אנדערע געגענטער אין ניו יארק און די ארומיגע שטאטן. אַזוי אויך די רוטס פון אפסטעיט ניו יארק, ניו ענגלאנד, מיד אטלאנטיק און קאנאדע, מזרח פענסילוועניע און ניו דזשורסי, און נאך. מער ווי 190,000 פאסאנדזשירן נוצן דעם באס טערמינאל טעגליך.

די ארבעט איז ערווארטעט צו ווערן צוטיילט אין עטליכע פאזעס. דורכאויס די ערשטע פאזע, וועלכע וועט אנגיין פון 2024 ביז 2028, וועט מען איבערמאכן די שאסייען וועלכע טראגן די באסעס פונעם לינקאלן טונעל צום טערמינאל און צוריק. אין די צווייטע פאזע וועלכע וועט לויפן פון 2029 ביז 2032 וועט מען אראפרייסן דעם הויפט טערמינאל און איר ווידער אויפבויען. איינמאל זי איז פארענדיגט וועט מען אויפבויען צוויי נייע ריזיגע געביידעס, און די דערנעבענדיגע דריי און א האלב אקער לאנד וועט ווערן אהערגעשטעלט צו קענען שפאצירן פאר די לאקאלע געמיינדעס.

די נייע טערמינאל וועט געבויעט ווערן אזוי אז גרעסערע באסעס זאלן קענען פארן באקוועם אינערהאלב די געביידעס, ווי אויך צו קענען אקאמאדירן די עלעקטראנישע באסעס און אויטאס, און צושטעלן פארקינג פלעצער פאר באסעס.

# נייע געזעץ פאַרלאַנגט ניו יאָרקער געשעפטן צו איינמעלדן קאָסטומער איבער קרעדיט קאַרד סורטשאַרדזש

א נייע ניו יאָרקער געזעץ וואס איז אריינגעגאנגען אין אפעקט זונטאג נאכט פארלאנגט אז געשעפטן זאלן לאזן וויסן פאר זייערע קאסטומער בעפאר זיי נעמען באצאלט איבער סיי וועלכע צוגאבן וועלכע זיי טשארדזשן ווען א קרעדיט קארד ווערט גענוצט.

די געשעפטן ווערן פארלאנגט צו לאזן וויסן פאר דעם קאסטומער דעם גאנצן סכום, אריינגערעכנט דעם סורטשארדזש וואס זיי לייגן צו, נאך בעפאר זיי רעכענען דעם קארטל.




”ניו יארקער זאלן קיינמאל נישט דארפן זיך אן עצה געבן מיט באהאלטענע קרעדיט קארטל קאסטן. די געזעץ וועט פארזיכערן אז מענטשן קענען געטרויען זייערע סוחרים און נישט דארפן זיך ספראווען מיט איבריגע קאסטן” האט גאווערנער האוקול געזאגט.

די נייע געזעץ פארלאנגט אז קרעדיט קארד סורטשארדזשעס זאלן זיין באגרעניצט צו בלויז דעם צאל וואס די געשעפט ווערט אליינס געטשארדזשט דורך די קרעדיט קארד געשעפטן. די געזעץ איז בלויז באגרעניצט צו קרעדיט קארטלעך און נישט צו דעביט קארטלעך.

# סאַליוואַן קאַונטי שעריף באַקלאָגט זיך אויף מאַנגל אין פּאָליציי אָפיצירן

פינף יאר נאך וואס די סאליוועַן קאונטי שעריף’ס אפיס האט אויפגענומען מער אפיצירן צו פאטראלירן די שאסייען אין די קאונטי, האט דער יוניאן פרעזידענט פון די שעריף איינהייט אריינגעגעבן א פארלאנג צו די קאונטי צו ערלויבן דאס אויפנעמען מער אפיצירן צו פאטראלירן אויף די שאסייען.

דער יוניאן פרעזידענט זאגט אז די מאנגל אין אפיצירן פאראורזאכט אז זיי זאלן נישט קענען געהעריג פאטראלירן אויף די ראודס. די קאונטי האט פאר א געוויסע תקופה ארויפגעלייגט א פארפרירונג איבער אויפנעמען נייע אפיצירן.



בס"ד

מחניך קדוש
ביצור
חומת
מחנינו
מפגעי
הטעכנאלאגיע
דקהל יטב לב ד'סאטמאר
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א



# טעכנאלאגיע איז נישט קיין דעוויס.

ס'איז א טאטאל-געטוישטע מהלך המחשבה.

איך בלייב ארגינעל!

קרית יואל
# װאָכנשריפט
KJ · WEEKLY

נייעס און באריכטן פון קהילות, מוסדות, און וואוילטעטיגע אָרגאַניזאַציעס, מוז אַריינגעשיקט ווערן דורך אי-מעיל, און דערנאָך זיך פאַרבינדן מיט'ן אָפיס פאַר באַשטעטיגונג.

די מיינונגען פון שרייבער אין אונזער אויסגאַבע, ווי אויך בריוו אין דער רעדאַקציע, שטעלן נישט פאָר די מיינונג פון די רעדאַקציע.

מיר טראָגן נישט קיין אחריות פאַר די כשרות פון אַרטיקלען און פראָדוקטען וואָס ווערן אַדווערטייזט אין אונזער צייטונג.

P.O. Box 113 Monroe NY 10949
845-774-6234
845-501-0246
אדווערטייזמענטס:
Ads@kyweekly.com
נייעס:
News@kyweekly.com
בריוו:
Letters@kyweekly.com
מעילינג אדרעס טויש:
MailingList@kyweekly.com

KJ Weekly (USPS #22640) is published weekly by Vuchenschrift Inc. "Periodicals Postage Paid at Monroe, NY" Postmaster: Please send address changes to KJ Weekly, PO Box 113 Monroe NY 10949

## אינהאלט

גאסט עדיטאריעל 18
דבי מדרשא 30
משמרת חומותינו 36
אן ענין אויף דער פרשה במשנתו של רבינו 38
שאלת חכם 46
זמני בית הוראה 48
על הצדיקים 50
לוח הלימודים בחבורות זכרו 52
תפיסה וועגט 53
בילדער זייטן 54
אלגעמיינע באריכטן 76
לוח הזמנים לעיר קרית יואל 79
וועטער פון קרית יואל 79

### זמנים

| הדלקת הנרות | סוף זמן קר"ש | מוצאי שב"ק |
|---|---|---|
| 5:16 | 8:54 | 6:45 |

### וועטער

| פרייטאג | שב"ק | זונטאג |
|---|---|---|
| זוניג 37/26 | מעגליך שניי 35/17 | זוניג 34/23 |











































A FIVE STAR
PESACH
תשפ"ד
PESACH WITH THE ENTIRE FAMILY
EXTRAORDINARY.
17 BEDROOMS
19 BATHS
SAUNA
INDOOR POOL
SHUL
MIKVAH
PARK
FIVE STAR RELAX
Now open for summer bookings
RESERVE TODAY!
845-888-RELAX
7 3 5 2
FIVE STAR RELAX.com